№ 39 Opłata pocztowa opłacona ryczałtem. [illegible] פרייז 20 גראשען. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

טשענסטאכאווער ... ונג

ערשיינט יעדן פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, dnia 25 września 1931. | ליכט-צינדען 5.16 | פרייטאג, ערב סכות י"ד תשרי תרצ"ב.

Regina Bulwa **Maurice Breitbard**

ZAŚLUBIENI

Liége (Belgja) 24 września 1931 r.

Biuro Techniczne „UNION"

Sp. z o. o.

Panny Marji 14 tel. 7-70

Stale na składzie świeże baterje anodowe.

Wszelkie artykuły techniczne i elektrotechniczne oraz radjoaparaty i radjosprzęt.

Niezawodne ładowanie akumulatorów radjowych i samochodowych.

Galanterja elektrotechniczna, grzejniki i żelazka elektryczne Żarówki Łożyska kulkowe.

Koncesjonowane Półroczne Wieczorne KURSY BUCHALTERYJNO-HANDLOWE

pod FACHOWEM KIEROWNICTWEM DYPLOMOWANYCH SIŁ

przyjmują zapisy.

Przedmioty: księgowość (z uwzględnieniem nowoczesnych metod), rachunkowość kupiecka, nauka o handlu, podatki korespondencja handlowa, stenografja.

Po złożeniu egzaminu-dyplom w-g wzoru Min. W. R. i O. P.

Kancelarja i Szkoła przeniesione z ul. Wilsona

na ul. PIŁSUDSKIEGO 13. Informacje od 6—7 30 w

Pracownia kuśnierska I-sza ALEJA 4

wykonuje dla pań i panów wszelkie roboty, jako też reperacje wchodzące w zakres kuśnierswa

SOLIDNIE i PO CENACH PRZYSTĘPNYCH

według najnowszych fasonów

M. LIBERMAN l-sza ALEJA № 4, parter, II brama na prawo.

אכטונג!

שיך און גאלאנטעריע = סוחרים!

צום קומענדען ווינטער - סעזאן בעזיצען מיר אויפ'ס לאגער

א גרויסען אויסוואהל פון

קאמעיל=שיך (באמבאשעס)

אלע סארטען פון קלענסטען ביז'ן גרעסטען נומער.

צום שול-יאהר צו בעקומען

סקאק = גימנאסטיק = לאטשען און אלערארט קינדער = שיכלעך

קומט און איבערצייגט אייך! ביליגער ווי איבעראל!

קאאפ. „אבוביצי" נייער מארק 2.

דאס פוטער-געשעפט פון די פירמא

פיק און זשעלינסקי

טשענסטאכאוו, 1 אלעע 3

פראנט ערשטער שטאק

איז פערזעהען צום קומענדען סעזאן מיט א גרויסען אויסוואהל

פון אלערליי פוטער-סחורות,

ווי פערשידענע פעל, בלאמען, קעלנער, פעלצלעך אויך פערטיגע און בעשטעלטע דאמען און הערען-פוטערס א. א. א.

ביליגע פרייזען! — — — — רעיעלע בעהאנדלונג!

קומט און איבערצייגט אייך!

אכטונג: פראנט ערשטער שטאק.

מאנטאג ד. 28 סעפטעמבער (חוה"ס) 5 נאכמ. אין ערשטען און 7 אוונד אין צווייטען טערמין

קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, אגראדאווא 12

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון „לינת הצדק"

מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג. 2) וואהלען פון א פארזיצענדען פון דער אלג. פערזאמלונג. 3) בעריכט פאר'ן יאהר 1930. 4) בודזשעט פאר'ן יאהר 1931. 5) וואהלען פון דריי פערוואלטונגס-מיטגלידער אויפ'ן ארט פון די ארויסטרעטענדע לויט'ן סטאטוט ה"ה א. קאנגרעצקי, י. בעם און י. גרילאק. 6) וואהלען פון א רעוויזיאנס-קאמיסיע. 7) פרייע פארשלאגען.

בעמערקונג: קיין איינלאדונגען ווערען נישט ארויסגעשיקט.

טעאטער קאמעראלני

יודיש פאלקס - טעאטער

קינסטלערישע לייטונג **מאריס לאמפע**

בילעטען צו בעקומען אין דרוק. פון ה' באטשאן, פון 6 אוונד אין קאסע.

אנהויב 9 אוונד. פאפולערע פרייזען.

דינסטאג ד. 29 ד. ח. נאר 1 גאסטשפיל פון די קינסטלער

מאריס לאמפע, ר. שושנה

אין זייער אנסאמבל.

אין דעם לעצטען שלאגער, וועלכער איז געשפילט געווארען אין ווארשא איבער 300 מאל

א הארץ וואס בענקט

לעבענס-בילד אין 3 אקטען מיט געזאנג פון א לעש.— די פיעסע ווערט געשפילט אדן סופלער

רעזשי מ. לאמפע. טעכנישע לייטונג י. אילסקי. אדמ. לייטונג מ. מענדעלסאן.

טעאטער קאמעראלני. לאדזשער יודיש קאמעראל און קליינקונסט-טעאטער **„ארדט".**

נאר 4 פארשטעלונגען פון בעריהמטען קאמער-טעאטער

„ארדט"

קינסטלערישער אנפיהרער **משה בראדערזאן.**

ס'נעמען אנטייל: מ. דאלסקא, ל. זילבערמאן מ. פעטערמאן, ש. גאלדשטיין, ש. דזשיגאן מ. קאן, י. ריינגלאס, ישראל שומאכער.

פרייטאג 2 אקטאבער 9 אוונד

שבת 3 אקטאבער 4 נאכמיטאג

דער פראכטפולער פראגראם

„אויפ'ן הימעל א יארידי"

שבת ד. 3 אקטאבער 9 אוונד

פרעמיערע

פון באמבאסטישען שלאגער

חי געלעבט

זונטאג 4 אקטאבער 9 אוונד געזעגנונגס=פארשטעלונג!

ווערט געגעבען א רעקארד-פראגראם פון די שענסטע „ארדט" - נומערן

ס'רעדיל דרעהט זיך

אויסער'ן פראגראם ווערט ספעציעל צוגעגעבען דער „ארדט" שלאגער „יודען שמידען".

טעקסטען: בראדערזאן, טונקעלער, נאדיר, נאדעלמאן. מוזיק: דוד בייגעלמאן, העניך קאן, הערץ רובין. דעקאראציעס און קאסטיומען יצחק ברוינער. רעזשי: דזשיגאן און שומאכער. בינע-אינספעקטאר: מ, דיק. אדמ.: מ. קאן. פרייזען פון בילעטען אויף נאכמיטאג 1—3 זל., אוונד 1.50—4 זל. פארפערקויף אין דרוקעריי פון ה' באטשאן

נאר אויף 4 טעג איז געקומען קיין טשענסטאכאוו, אויפ'ן וועג פון קראקא קיין ווארשא, דער גרעסטער אין פוילען

CYRK STANIEWSKICH

פייערליכע ערעפנונג היינט, פרייטאג דעם 25 8.20 אוונד אויף 'אסנא גאס (רוג שלאנסקע)

גרויסער נייער אימפאנירענדער, ביז-איצט נישט געזעהענער פראגראם. 20 וועלט-בעריהמטע אטראקציעס. 3 שעה אונאויפהערליכע שפאנונג און ענטציקונג. אונגעוועהנליכע פארשטעלונג: דרעסירטע ים-לייבען. 60 פערד פון ריין אראביש בלוט. 150 ארטיסטען. 300 עקזאטישע חיות. 2 אייגענע ארקעסטערס. די בעלייכטונג פון 2000 לעמפ און רעפלעקטארען. די מענאזשעריע איז אפען פון 10 פריה ביז 7 אוונד. שבת דעם 26 און זונטאג דעם 27 צוויי פארשטעלונגען 4 נאכמ. און 8.20 אוונד. אכטונג: שבת נאכמיטאג זענען די פרייזען אויף א העלפט ביליגער.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. **K. KOSTECKIEGO**

w lokalu własnym **ul. Waszyngtona** d. Jasna **49**

Wyucza „Ostatnie Nowości"

w kompletach i pojedyńczo.

Zapisy na kursy I, II, III, Mazura codziennie od 10 rano do 9 wiecz

אכטונג: שבת, ד. 26 ד.ח. און יעדען אנדערן שבת — פראקטישע לעקציעס פון 8 אוונד.

בעקאנטמאכונג.

די ערשטקלאסיגע פראצאווניע פון

הערן-בעקליידונג א. גראנעק

אלעע 21 איז איבערגעטראגען געווארען אויף

קאשטשושקי 17

הויף, 1-טער איינגאנג, רעכטס.

איך עמפפעהל זיך ווייטער דער ג' קונדשאפט.

מיט אכטונג

א. גראנעק, קאשטשושקי 17.

צום ווינטער = סעזאן 1931=32!

איז דאס

פוטער=געשעפט

פון

מיכאל איידעלמאן

פילסודסקי 5, פראנט ערשטער שטאק, טעל. 305

פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל פון אלערארט פוטער - סחורה און איינצעלנע פעל, בלאמען.

פערטיגע דאמען און מענער = פעלצען.

אין מיין ערשטקלאסיגען קיזשנער-ווערקשטעל ווערען אויסגעפערטיגט אלערליי בעשטעלונגען, שנעל, רעיעל, לויט די נייעסטע מאדען, אונטער מיין פערזענליכער אויפזיכט.

אויפפאדערונג.

דערמיט פאדער איך אויף דעם לאקאטאר פון מיין הויז אגראדאווא 25 ה' **א. פרידמאן** מיר צו בעצאהלען דעם חוב פאר דירה-געלד וואס מיר קומט, און אויב ער וועט מיר ביז 8 טאג נישט בעצאהלען, זאל ער פערלאזען די וואוינונג, ווארום אין געגענפאל וועט ער ווערען עקסמיטירט.

גלייכצייטיג פאדער איך אויף די אנדערע לאקאטארען, וואס זענען מיר שולדיג דירה - געלד און פאר וואסער צו בעצאהלען ביז'ן 1.10 ד. י. אין געגענפאל וועלען אנגענומען ווערען שטרענגע מיטלען, ווייל אלע אבצאהלונגען ווערען שטרענג געפאדערט.

מרדכי גראדאן.

אכטונג האנדווערקער!

אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס דעם 28 און 29 ד. ח. קומט פאר אין ווארשא דער האנדווערקער קאנגרעס קומט פאר זונטאג דעם 27 ד. ח. 10 א זייגער פריה אין אייגענעם לאקאל, אלעע 12

א אלגעמיינע פערזאמלונג

אלע מיטגלידער דארפען קומען.

צענטר. יוד. האנדווערקער=פערבאנד.

צוליעב ליקווידאציע גענצליכער אויספערקויף!

דאס בעוואוסטע **פוטער=געשעפט**

פון די **געבר. קעלציגלאווסקי**

און בערקאוויטש פילסודסקי № 9 אין הויף,

מאכט בעקאנט, אז דאס געשעפט ווערט ליקווידירט און דער גרויסער לאגער פון אלערליי

פוטער-סחורות ווערען גענצליך אויספערקויפט.

נוצט דעריבער אויס די געלעגענהייט און איהר קענט קויפען צו אויסערגעוועהנליכע ביליגע פרייזען.

געדענקט די אדרעס און איילט אייך צו, וכל הקודם זכה!

אנדענק און געגענווארט.

(סוכות געדאנקען)

אזוי ווי אלע טראדיציאנעלע ימים-טובים, האט אויך סוכות א דאפעלטע בעדייטונג: אלס אנדענק—כי בסכות הושבתי, און דאביי איז דער יום-טוב געבינדען מיט דער ערד—באספך מגרנך ויקבך, ווען מען זאמעלט די תבואות פון די פעלדער און די פרוכטען פון וויינגארטען.

אין גלות, ווען מיר זענען געווען און זענען ביז היינט, אבגעריסען פון פעלד און גארטען, האט דאס שיכות פון יום-טוב צו דער ערד פערלוירען איהר בעדייטונג, מיר האבען נישט געהאט קיין פעלדער, פון וועלכע צו זאמלען, און עס האט אויסגעזעהען ביים גלות-יוד עפיס אונפערשטענדליך פאר-וואס מיר דארפען פייערן ימים-טובים ווייל אנדערע זאמלען זייערע ערד-פראדוקטען, מיט וועלכע זיי פולען אן זייערע לאגערן און פערזיכערן זיך מיט שפייז אויפ'ן ווינטער. דער נאמען „חג-האסיף" איז דעריבער ביי אונז אויך געווען נאר א זכר, א אנדענק פון דעם אמאליגען, פון דעם געוועזענעם, פון דער צייט ווען אונזערע אור - עלטערן זענען געזעסען אין זייער לאנד, און בעארבייט די ערד.

איצט איז די לאגע א גאנץ אנדערע, דאס יודישע פאלק האט איצט בעקומען פון אלע וועלט-פעלקער די עפענטליכע רעכט זיך צו בעזעצען אין זיין לאנד, עס איז אטת א גרויסע פראגע ווי אזוי די דאזיגע פעלקער געבען אונז די מעגליכקייטען דאס לאנד צו בעזעצען און צו עראבערן, און ווי אזוי זייער פייערליכע הבטחה ווערט פאקטיש פערווירקליכט, אבער א פאקט איז אז טויזענדער יודען בעזעצען זיך יעדעס יאהר אין ארץ-ישראל, אז עס געפונט זיך דארט היינט צו טאג שוין א ישוב פון הונדערטער טויזענדער יודען, אז אין לאנד געפונט זיך א גרויסע פערשפרייטע נעץ פון בליהענדע קאלאניעס און פרדסים, וואס זענען יודיש אייגענטום און ווערען בעארבייט דורך יודישע הענד. און די יודישע ענערגיע, די יודישע אינערליכע ליבע צום לאנד פון זייערע אבות האט בעוויזען וואונדער פון וועלכע די גאנצע קולטורעלע וועלט שטוינט.

די דאזיגע יודען וואס האבען זיך אלס פיאנערען פון 16-מיליאניגען יודישען פאלק, בעזעצט אין א"י האבען די מעגליכקייטען צו פייערן אונזערע טראדיציאנעלע ימים-טובים אין אמת'ן זין, אין זייער ריכטיגען גייסט, זיי פיהלען דעם טעם פון יום-טוב, וועלכען זיי פייערן מיט'ן גאנצען פייער פון זייער נשמה, ביי זיי איז סוכות טאקי ווידער דער חג-האסיף אין פולען זין פון ווארט און דאריבער זענען די ימים-טובים ביי אונזערע ברידער אין א"י אמת'ע ימים-טובים, טעג פון אינערליכער אונענדליכער פייערליכקייט, וועלכעס דער גלות-יוד איז נישט אומשטאנד צו פיהלען.

אבער מיר יודען, וואס געפונען זיך נאך אין גלות האבען איצט אויך די מעגליכקייט אנטיילצונעמען אין די דאזיגע פאקטישע אינערליכע פייערונגען פון אונזערע ימים-טובים מיט דעם וואס מיר טהוען אונטערשטיצען דעם ישוב, מיט'ן בעשטייערן זיך פאר די פאלקס-פאנדען, וואס זענען געשאפען געוואָרען פאר'ן אויפבוי אין דער ענטוויקלונג פון ישוב אין א"י, און אויך מיט'ן בענוצען פאר יעדען געברויך די ארץ-ישראל פראדוקטען, די פראדוקטען וואס ווערען אויסגעארבייט אין יודישען לאנד דורך יודישער ארבייט, ווארום כל-זמן מיר האבען נישט געהאט די דאזיגע מעגליכקייט, האבען מיר געקענט יוצא זיין מיט'ן בלויזען אנדענק, אבער איצט מוזען מיר פייערן די ימים-טובים אויך מיט דער געגענווארט, מיט'ן האבען א חלק אין דעם פערווירקליכען פון אונזער אידעאל אין א"י.

אלס פרעהליכע ערשיינונג קענען מיר בעצייכענען דאס וואס ענדליך האט זיך ביי אלע יודען אין די גלות לענדער דערוועקט דער געזונדער חוש און עס האט געזיעגט דער שכל הישר אז אתרוגים צו דער מצות אתרוג זאלען בענוצט ווערען נאר פון ארץ-ישראל, וואס עס וועט מיט דער צייט געוויס זיין א ברכה פאר'ן ישוב, און אויב עס געפונען זיך נאך קרומע מוחות וואס ווילען דאס נישט פערשטעהן, דארפט מען זיי נאר בעדוירען ווי גייסטיג - קראנקע, און האפען אז די צייט וועט אויך זייערע מוחות אויסגלייכען און זיי וועלען זיך נישט פורש זיין פון כלל-ישראל.

ארץ-ישראל בויט זיך, די מוטהיגע בויער און קעמפער בעוויזען וואונדער, אבער די שטערונגען זענען גרויס, די שונאי-ציון רוהען נישט, און זיי לעגען אהן אויפהער שטיינער און שטרויכלונגען אויפ'ן וועג, דאס יודישע פאלק אלס גאנצעס, אלס גוי אחד, מוז זיך אנשטרענגען, אלע מוזען מיר מיטהעלפען צו אונזער גרויסער און מעכטיגער פאלקס-ארבייט, איבערהויפט אין די טעג פון אונזערע טראדיציאנעלע ימים-טובים, אין וועלכע מיר זאלען זיך נישט בעניגען לאזען מיט'ן בלויזען אנדענקען פון אמאל נאר מיר זאלען זיי פייערן מיט דער ווירקליכקייט, מיט פאקטען און מעשים וואס זאלען בעווייזען אז מיר זענען קינדער פון עם-הנצחי, פון דעם פאלק וואס בויט זיין צוקונפט אין זיין לאנד.

י. פ.

וויכטיגסטע געשעהענישען פון דער וואך.

פינאנץ-קאטאסטראפע אין ענגלאנד.

ווי א דונער האט געטראפען די גאנצע פינאנסיעלע וועלט די ידיעה, אז די ענגלישע מלוכה-באנק האט ערקלערט אז זי וועט מעהר נישט אויסטוישען די פונט-באנקנאטען אויף גאלד, וואס עס הייסט, אז די ענגלישע מלוכה האט נישט אין איהר בעזיץ קיין גאלד-דעקונג פאר די ארויסגעגעבענע באנקנאטען.

דער דאזיגער שריט פון גרויס-בריטאניען וואס האט זיך גערעכענט צווישען די פינאנסיעל-זיכערסטע מלוכות, האט ארויסגערופען א פאניק אויף אלע בערזעס פון די גרעסטע וועלט-שטעדט, און דער ענגלישער פונט האט פערלוירען א פערטיל פון זיין ווערט.

יאפאן—כינא.

אין דער פאליטישער וועלט הערשט א גרויסע אונרוהיגקייט צוליעב דעם אנגעהויבענעם קאמף צווישען יאפאן און כינא.

דאס יאפאנישע מיליטער איז פלוצים בעפאלען די כינעזישע גרעניץ, איינגענומען עטליכע פארט-שטעדט און מארשירט אויף מאנדזשורוען, און עס קומען פאר בלוטיגע קאמפען.

כינא איז פון שטענדיג אן א מדינה וואס רופט ארויס מורא פאר א קאמף צוליעב דער אפטרופסות, וואס יעדע מלוכה וויל אויף איהר האבען, איבערהויפט יאפאן. אמעריקא ווידער קען נישט דערלאזען, אז יאפאן זאל זיך פערשטארקען, און דעריבער האבען די לעצטע געשעהענישען אין כינא ארויסגערופען א פערשטענדליכע אונרוהיגקייט פאר זייערע ווייטערע פאלגען.

דער אורטייל איבער די בערלינער היטלעריסטען.

מיטוואך האט דאס בערלינער שנעלגעריכט פערעפענטליכט דעם אורטייל איבער די היטלער - פאגראמשטשיקעס, וואס האבען געמאכט אין ראש-השנה א פאגראם אויף די יודען אין בערלין.

אין רעזולטאט זענען 4 בעשולדיגטע פערמשפ'ט געווארען צו 9 חדשים יעדער, 12 צו 12 חדשים, 9 צו 18 חדשים און איינער 21 חדשים תפיסה.

היינט פרייטאג קומט פאר דאס שנעלגעריכט פון די אנפיהרער מיט'ן בערלינער פאגראם.

פאר רעוומאטיקער און נערווען - ליידענדע.

וואס פערשרייבען מעהר ווי 6000 דאקטוירים.

רעוומאטיזם, פאדאגרע און עהנליכע ליידען פערורזאכען ווי בעוואוסט וועקסעלשטאף-שטערונגען. דער קראנקער ארגאניזם ערצייגט צופיעל הארנזויער, דאס בלוט דאגעגען גיט נישט גענוג דעם שרעקליכען גיפט פון זיך ארויס. דערפאר אויב מען וויל זיך בעפרייען פון די רעוומאטישע און נערווען-שמערצען, איז נישט גענוג איינצונעהמען מיטלען צום בעטויבען די שמערצען. מען מוז גיכער טראכטען צו בעזייטיגען די הארנזויער, וועלכע בעזעצט זיך אין פארם פון נאדעלשפיציגע קרישטאלען אין די מוסקולען, געלענקען א. א. איברים און אויך פערהיטען דאס אנזאמלען זיך פון הארנזויער אויפסניי. א מיטעל, וואס דערפולט די דאזיגע אויפגאבע און איז עוקר מן השורש די קראנקהייט אויף א נאטירליכען אופן, איז גראד טאגאל. און דערפאר טאקי האט מען מיט טאגאל דערגרייכט איבערראשענד גוטע רעזולטאטען, אפילו אין פערעלטערטע פאלען, ווען אנדערע מיטלען האבען פערפיהרט. „עס פרייט מיך זעהר אייך מודיע צו זיין, אז איך האב מיך נאכ'ן בענוצען פון 5 טאגאל-פאקונגען אויסגעהיילט פולקאמען פון רעוומאטיזם, וועלכער האט מיך א סך יאהרען געמאטערט"—שרייבט אונז בעגייסטערט פרוי ז. זוואלינסקא, לבוב, יאבלאנאווסקיך 36 „איך האב מיך ענטשלאסען צו נעמען טאגאל, נאכדעם ווי איך האב אלע אנדערע אפטייק-מיטלען אויסגעפרובט. דערפאר פיהל איך מיך פערפליכטעט אייך צו דאנקען און בעמערק אז איך וועל דעם אונשעצבארען מיטעל טאגאל עמפפעהלען אלע מיינע בעקאנטע אלס איינציג הייל-מיטעל צו רעוומאטיזם". אבער אויך ביי גיכט, ברעכען אין קושיש, רייסען אין די געלענקען, נערווען און קאפ-שמערצען, פערקיהלונגען און עהנליכע ליידען ווירקען טאגאל-טאבלעטען שנעל און זיכער. אונשעדליך פאר'ן הארץ, מאגען און אנדערע ארגאנען. אויב מעהר ווי 6000 דאקטוירים, דערונטער א סך בעריהמטע פראפעסארען פערשרייבען טאגאל, טא קען דאך יעדער מיט צוטרוי דעם מיטעל קויפען. צו בעקומען אין אלע אפטייקען.

צום ווינטער סעזאן!

דארפט איהר האבען א דאמען אדער א מענער פעלץ אדער אנדערע פוטער-ארבייט? — בעשטעלט נאר אין דער לאנג-עגזיסטירענדער פירמע

פון ה. זשעלינסקי אלעע 10

מיר נעמען אן פון אייגענע און אויך פערטרויטע סחורות.

היות ווי פוטער-ווארג איז היינט ביליג האבען מיר אויך רעדוצירט דאס ארבייטס - לוין!

רעעלע בעהאנדלונג מיר מאכען פון אלט—ניי! שנעלע אויספיהרונג.

איילט אייך דעריבער און מאכט אייער בעשטעלונג נאר אין דער פראצאווניע פון

ה. זשעלינסקי, אלעע 10 און איהר וועט זיין צופריעדען.

(22

די פערפאלגטע.

ראמאן פון יודישען לעבען אין איטאליע, אין 19-טען יאהר-הונדערט.

פריי פון העברעאיש דורך י. געלזאהן.

(פארטזעצונג)

.15

עס איז געווען אין אווענד ווען דער גובערנאטאר עמנואל מאראניא איז נאך די ארבייטס-שעה'ן געזעסען אין זיין פריוואט-קאבינעט, און דער דינער האט איהם געמעלדעט אז א געוויסער יונגערמאן מיט א פריילין בעטען א אוידיענץ וועגען א פריוואטען ענין.

אויב נישט קיין אמטליכע זאך, קענסטו זיי אריינלאזען — האט דער „גובערנאטאר געזאגט.

יא, מיין הער, זיי האבען מיר ערקלערט אז דאס איז א פריוואט זאך, און מיר שיינט אז זיי זענען יודען.

לאז זיי אריין! האט דער גובערנאטאר געזאגט.

דער דינער איז ארויס און האט אריינגעלאזט אין קאבינעט וויקטאר פעלדמאן מיט זיין שוועסטער מרים.

די אריינקומענע'ע האבען זיך טיעף פערנייגט, און וויקטאר האט זיך פארגעשטעלט:

מיין נאמען איז וויקטאר פעלדמאן, און דאס איז מיין שוועסטער מרים.

— פעלדמאן? — האט דער גובערנאטאר איבערפרעגט — פון וואנען זענט איהר?

מיר שטאמען פון רוים — האט וויקטאר געענטפערט — איך אבער בין שוין אין מיילאנד א לאנגע צייט, און מיין שוועסטער איז ערשט היינט געקומען.

פון רוים? — האט מאראניא ווידער איבערפרעגט — זענט איהר קרובים מיט אהרן פעלדמאן?

דאס איז אונזער פאטער, הער גובערנאטאר — האט וויקטאר געענטפערט — האט איהר אונזער פאטער געקענט?

איך האב איהם פערזעהנליך נישט געקענט, אבער מיין פאטער וואס איז מיט איהם געווען גוט בעפריינדעט, האט מיר וועגען איהם פיעל דערצעהלט און איך בין בעקאנט מיט דער גאנצער שוידערליכער געשיכטע וואס האט מיט איהם פאסירט.

יא, שוידערליך, שרעקליך, האבען ביידע וויקטאר און מרים ווידערהאלט, און טרעהרען האבען זיך אנגעהויבען גיסען פון זייערע אויגען.

און איהר ווייסט גארנישט וועגען אייער פאטער ביז'ן היינטיגען טאג?

ליידער נישט.

און וואו איז אייער מוטער ?

דאס איז ווידער א שוידערליכע געשיכטע — האט וויקטאר וויינענדיג געענטפערט — אונזער מוטער איז פאר צרות משוגע געווארען און זי געפונט זיך אין א אנשטאלט פאר גייסטיג קראנקע.

אה, דאס איז שרעקליך — האט דער גובערנאטאר געזאגט — איז אייער מוטער קראנק זינט אייער פאטער'ס פערשוואונדען?

ניין, פריהער האט זי זיך ווי עס איז געפאסט, אבער ווען עס האט געטראפען דאס אומגליק מיט מיין שוועסטער האט זי זיך מעהר נישט געקענט בעהערשען און איז צומישט געווארען.

וועגען וועלכער שוועסטער רעדט איהר דאס ?

וועגען אט דער שוועסטער וואס שטעהט דא פאר אייך הער גובערנאטאר — האט וויקטאר געענטפערט.

ערשט איצט האט דער גובערנאטאר זיך טיעף איינגעקוקט אין מרים'ן און זעהענדיג איהר אויסערגעוועהנליכער שעהנהייט, האט ער געפרעגט:

מיט איהר האט א שרעקליך אומגליק פאסירט, זאגט איהר, אבער זי איז דאך דא?

אויב איהר וועט בעווילינגען אויסצוהערען וועט אייך מרים זעלבסט דערצעהלען, דאס איז א לאנגע און טרויריגע געשיכטע.

אה, דערצעהלט, דערצעהלט, איך בין זעהר נייגעריג צו וויסען וואס עס האט געקענט פאסירען מיט אזא שעהנער און עדעלער פריילין.

מרים האט דערצעהלט גענוי די גאנצע געשיכטע וואס האט מיט איהר פאסירט, ווי אזוי מען האט זי געכאפט אין גאס, און אוועקגעפיהרט אין קלויסטער וואו מען האט זי געוואלט אבשמד'ן, און ווי זי האט שפעטער ערפאהרען אז דאס האט זי אהין אריינגעפיהרט זייער דינסט יעווא.

גרויסער גאט, דאס איז דאך שרעקליך! — האט מאראניא אויסגעשריגען.

און מרים האט ווייטער דערצעהלט וואס זי האט געהאט אויסצושטעהן אין קלויסטער, ווי זי האט דארט געטראפען איהר יוגענד פריינדין זאפיא, וועלכע האט זי בערוהיגט, און ווי אזוי די זעלבע זאפיא מיט זייער דינסט יעווא האבען זי געראטעוועט פון קלויסטער, און זי איז געקומען אהער קיין מיילאנד, וויסענדיג אז איהר ברודער געפונט זיך דא.

די גאנצע צייט וואס מרים האט גערעדט, האט דער גובערנאטאר נישט אראבגעלאזט קיין אויג פון איהר, ער איז געווארען בעגייסטערט פון איהר אויסערגעוועהנליכער שעהנהייט און פון איהר פיינעם ארט רעדען, אבער נישט וויקטאר און אויך נישט מרים האבען דאס בעמערקט, ווייל זיי זענען געווען פערנומען מיט זייערע טרויריגע ערינערונגען, און ווען זי האט געענדיגט איהר ערצעהלען האט דער גובערנאטאר געזאגט:

נו, געלויבט גאט אז דו ביזט פריי, איצט קענט איהר האפען צו גאט אז אויך אייער פאטער וועט נאך פריי זיין, און אייער מוטער וועט געזונד ווערען.

גאט זאל אונז העלפען אזוי ווי דו וואונשט — האט מרים געזאגט — אבער פארלויפיג בין איך נאכנישט פריי, איך האב מורא אז מען וועט פון רוים ארויסשיקען מענשען מיך צו זוכען, און אויב איך זאל נישט האבען קיין שוץ בין איך פערלוירען, און דאביי האט זי זיך ביטער צוויינט.

זארגט אייך נישט מיינע ליעבע — האט דער גובערנאטאר מיט אונענדליכער פריינדשאפט געזאגט — אויב איהר זענט אין מיילאנד, זענט איהר אונטער מיין שוץ און עס וועט אייך מעהר קיין שלעכטס נישט פאסירען.

מיר זענען דאס טאקי צו דיר געקומען — האט וויקטאר איצט אויסגערופען, איך געפין זיך שוין אין מיילאנד א לאנגע צייט, און איך האב זיך גענוג אנגעהערט וועגען דיין גוט הארץ, עס איז מיר שוין אויסגעקומען פיעל צו ליידען אין דער דאזיגער פרעמדער שטאדט און יעדעס מאל ווען איך האב זיך געוואלט צו דיר ווענדען וועגען שטיצע, האב איך זיך אלס אבגעהאלטען נישט וועלענדיג דיך בעלעסטיגען, אבער איצט האבען מיר זיך נישט געקענט העלפען, מיין שוועסטער געפונט זיך אין געפאהר, און נאר אונטער'ן שוץ פון דיין, הויכען אמט קען זי זיין געזיכערט.

אויב דו האסט זיך צו מיר ביז יעצט נישט געוואנדען — האט דער גובערנאטאר געזאגט — האסטו נישט קלוג געטהון, ווייל דו וואלסט שטענדיג ביי מיר הילף און שטיצע געפונען, און ווען איהר האט דאס היינט יא געטהון, וועט איהר געוויס קיין חרטה נישט האבען, איהר קענט פולשטענדיג רוהיג זיין, אז עס וועט אייך קיין האר נישט געריהרט ווערען.

מרים איז צוגעגאנגען און געוואלט דעם גובערנאטאר קושען די האנד — אבער ער האט זי זעהר צארט אנגענומען ביי דער האנד, און געזאגט:

איך פערדין נישט קיין דאנק, איך טהו נאר דאס וואס יעדער יוד און מענש דארף טהון.

אבער וואס איז דיין ראט גנעדיגער הער, וואס האבען מיר צו טהון אז מיין שוועסטער זאל געזיכערט זיין פון איהרע פערפאלגער? — האט געפרעגט וויקטאר.

איך וועל איהר געבען א אמט אין מיין פריוואט ביורא — האט דער גובערנאטאר געזאגט — און עס וועט איהר גארנישט פעהלען.

וויקטאר און מרים זענען נאך א לענגערע צייט געזעסען ביים גובערנאטאר, און גאנץ שפעט אין אווענד זענען זיי אוועק גליקליך און צופרידען, נאכדעם ווי זיי האבען אבגערעדט אז פון מארגען אן זאל מרים פערנעמען איהר אמט אין דער פריוואט-ביורא פון גובערנאטאר עמנואל מאראניא.

(פארט. קומט)

י. ראָזענבערג.

אונזער חשבון הנפש.*)

אייגענטליך וואָלט דער לייט-אַרטי-קעל אין פאָריגען נומער „טשענסטאָכאָווער צייטונג" נישט געדאַרפט אַרויס-רופען מיין ענטפער, ווייל אויסער איין מאָמענט, וועלכען איך וועל שפּעטער בעריהרען, בין איך מיט'ן אויספיהר פון ה' י. פ. אינגאַנצען מסכים.

איך בין מסכים, אַז ה' גאָלדשטיין דאַרף בעשטעטיגט ווערען און אַז מען דאַרף נישט אָנווענדען נישט קיין שיינע מיטלען צו די אָדער יענע צוועקען. ריכטיג איז אַז די אַלע פּליאַטקע-מאַ-כערס זענען נור אויסען צו כאַפּען פיש אין שמוציג וואַסער. ריכטיג איז אויך אַז די פרעסע איז געוואָרען אַ הפקר-זאַך, און אַמריכטיגסטען איז דאָס, וואָס ה' י. פ. זאָגט נישט אַרויס, אַז די היגע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, נישט נאָר, וואָס זי טאָלערירט, נאָר האַלט נאָך אונטער מיט איהר פירמע אָט די העץ-און אויפרייץ טאַקטיק.

מיר קענען אָבער נישט מסכים זיין מיט די מאָמענטען, ווי ה' י. פ. וואַרפט אונז פאָר, אַז מיר האָבען געזינדיגט און נישט נור גלאַט געזינדיגט, נאָר טאַקע בעגאַנגען אַ גרויסע זינד און דאָס שטרייכט ער אונטער אַזש צוויי מאָל.

מיט וואָס האָבען מיר געזינדיגט? צי האָבען מיר מיט אונזער נישט-שטימען בעשאַפען אַ קריזיס? צו האָט ה' גאָלד-שטיין צוליעב אונזער נישט-שטימען דעם מאַנדאַט נישט אָנגענומען? ווייסען מיר דאָך אַלע, אַז דער ה' גאָלד-שטיין האָט זיך נישט גענומען שטאַרק צום האַרצען אונזער נישט-שטימען און דעם מאַנדאַט טאַקע אָנגענומען און מיט רעכט, וואָרום מיר זענען דאָך נישט קיין „אייגען פלייש" און שניידען נישט-אייגען פלייש טהוט נישט וועה.

וואָס זענען מיר אויסען געווען מיט אונזער נישט-שטימען? צי זענען מיר אויסען געוועזען אַ פרישען קריזיס?

ניין! מיר האָבען געוואוסט, אַז אונזע-רע „אָרימע" צוויי שטימען וועלען קיין קריזיס נישט בעשאַפען און טאָמער וואָלט ה' גאָלדשטיין דעם מאַנדאַט צו-ליעב דעם נישט געוואָלט אָננעמען, וואָלט לויט אונזער מיינונג, צו קיין קאָמיסאַר נישט געדאַרפט קומען, ווייל ווי זאָגט דאָס פאָלקס-לידעל, אַז ס'איז נישט דאָ קיין פיש עסט מען אַ גע-וויינעלטען הערינג.

ה' י. פ. פערטיידיגט אונז אַז מיר האָבען נישט געוואָלט איבערנעמען דאָס קהלה-פעקיל, דאָביי זענען מיר זי-כער, אַז ער ווייסט נאָכנישט אַלעס, אַז ס'איז איהם נישט בעקאַנט ווער עס האָט אונז אַלץ דאָס פאָרגעשלאָגען און מיר האָבען אָנגעזאָגט, אָבער מיר לאָ-זען דאָס איבער אויף שפּעטער.

טאָ וואָס דען זענען מיר אויסען גע-וועזען? פרינציפּען? יאָ! אונזער איינצי-גער פרינציפּ אין געזעלשאַפטליכער אַרבייט איז עהרליכקייט אין דער ריינ-סטער פאָרם און דאָס איז אונזער פרינ-ציפּ אַפילו פאַר'ן פרייז פון אַ קאָמי-סאַר.

און איך זאָג עס אָפען פאַר אַלע וועהלער, וועלכע זענען נישט אויסען קיין פּאָליטיק אין דער גמינע נור ריינע רעאַלע אַרבייט, אַז כמעט אַלע גרופּען, אַ חוץ אונז, זענען אין דער הינזיכט, פון ערשטען מאָמענט אָן נישט געווען עהרליך. אַלע, אַ חוץ אונז, זענען אויסען געווען מאַנדאַטען און גרופּען-העגעמאָניע.

וואָס איז אונזער זינד? צי אונזער זינד איז דאָס, וואָס מיר האָבען נישט געוואָלט זיך לאָזען אַרומפיהרען פאַר דער נאָז? צי דאָס איז אונזער זינד, וואָס מיר האָבען נישט געוואָלט זיך אַראָבנידערן צו דער מדרגה פון הענד-הייבערס? צי דאָס איז אונזער זינד, וואָס מיר האָבען זיך נישט געוואָלט לאָזען שפּייען אין פּנים אַריין?

מיר האָבען אַפילו ערקלערט די פאָרשטעהער פון „מזרחי", אַז מיר זע-נען געגאַנגען אין דער קהלה אַריין אַרבייטען לטובת דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג און נישט פיהרען פּאָלי-טיק. מיר וועלען בעסער אַרויסטרעטען פון דער קהלה איידער אונטערצוהאַל-טען די פיקציע פון געזעלשאַפטליכער אַרבייט. און דאָס וואָלטען מיר זיכער געטהון, ווען נישט די לעצטע פּראָפּאָ-זיציע פון „מזרחי", לויט דעם קאָמוני-קאַט פון דער „אגודה".

מאַכענדיג אַ חשבון-הנפש זאָגען מיר אָפען: אונזער געוויסען איז ריין! אָבער פאַר איין זאַך קלאַפּען מיר זיך על-חטא. מיר זענען געווען די גאַנצע צייט ער-ליך און אויפריכטיג און דאָס איז אונ-זער איינציגע זינד.

*) טראָץ דעם, וואָס מיר זענען נישט מסכים מיט'ן אויספיהר פון ה' ראָזענ-בער גיבען מיר דאָס אַרטיקעל אויפ'ן גרונד פון פרייער דיסקוסיע, און עס וואָלט געווען זעהר געוואונשען אַז אויך די פאָרשטעהער פון אַנדערע ריכטונגען זאָלען אַרויסזאָגען זייער שטאַנדפּונקט און בעלויכטען דעם פּלאַנטער וואָס האָט זיך געשאַפען אַרום די פרעזעס-וואַהלען, כדי די עפענטליכקייט זאָל וויסען ווער עס איז פאַקטיש שול-דיג אין דער געשאַפענער לאַגע.

די רעד.

דער יודישער קלעזמער פון פראַג

(אינטערעסאַנטע יודישע פאָלקס-מעשה פון אַ יודישען קלעזמער פון פראַג וואָס איז געווען געפאַנגען דורך אַ באַנדע גזלנים פון מוצאי יום-כיפור ביז הושענא-רבא.)

אויסגעקליבען און איבערדערצעהלט — פון ר. אייזלאַנד.

1.

אין פראַג האָט פערצייטענס גע-וואוינט אַ יודישער קלעזמער, וואָס האָט גע'שמ'ט איבער דער וועלט אַלס אַ גרויסער קינסטלער אויף דער פי-דעל און מיט זיין שפּילען האָט ער געקענט ריהרען אַפילו שטיינערנע הער-צער. זיין נאָמען איז געווען שמעלקע, אָבער די יודען האָבען איהם גערופען רב שמעלקע, מחמת ער איז געווען זעהר אַ פרומער יוד. האָט קיינמאָל נישט פערפעהלט צו געהן אין שוהל אַריין דאַווענען בציבור. און נאָך יעדען דאַווענען פלעגט ער נאָך יעדען טאָג לערנען עטליכע שעה און בכלל זיך געפיהרט ווי דער גרעסטער צדיק.

אַלע יודען פון פראַג האָבען זייער ר' שמעלקע קלעזמער זעהר ליעב גע-האַט און איהם אָבגעגעבען כבוד. דער מענש איז געווען בעליעבט ביי אַלע-מען, סיי ביי יודען סיי ביי קריסטען פאַר זיין פרומקייט און צדקות און פאַר זיין טייער שפּילען. מען פלעגט איהם פערבעטען אין די שענסטע הייזער, אַז ער זאָל דאָרטען שפּילען, און ווען די גרעסטע גראַפען און פירשטען האָבען געמאַכט בעלער, פלעגען זיי שיקען נאָך איהם זייערע קאַרעטעס און מיט גרויס כבוד איהם אויפנעהמען אין זיי-ערע פּאַלאַצען.

צו זיינע פערשידענע מעלות האָט ער געהאַט נאָך אַ מעלה, וואָס ער איז געווען אַ שעהנער מאַנספערשוין, און אַז ער פלעגט קומען אויף די בעלער האָבען די גרעסטע דאַמען ליעב גע-האַט מיט איהם צו שמועסען און קו-קען אויף איהם, און מען האָט גע-זאָגט, אַז די שרה'טעס ווילען איהם האָבען אויף זייערע בעלער נאָכמעהר פאַר זיין שעהנקייט ווי פאַר זיין שעה-נעם שפּילען.

ביי אַנ'אַנדערען אויף זיין אָרט וואָלט זיך דער קאָפּ פערדרעהט און ער וואָלט אַראָב פון דרך הישר. אָבער אונזער שמעלקע פלעגט אויף די שעהנע פּריצ'טעס אַפילו נישט קוקען, נאָר גע-האַלטען די אויגען אַראָב און אויף צעהן ווערטער פלעגט ער ענטפערען איינס.

רב שמעלקע איז דעמאָלט אַלט גע-ווען אַ יאָהר זעקס און דרייסיג. ער האָט געהאַט זעהר אַ שעהנע און ערנ-סטע ליכע פרוי מיט קינדער און ער מיט זיין הויזגעזינד האָבען געלעבט במנוחה און געהאַט פּרנסה בריוח, מען האָט זיך ביי איהם אין שטוב געפיהרט ברייט, ביי זיין טיש האָבען זיך שטענ-דיג געפונען עטליכע אורחים און יע-דער אורח פלעגט נאָך פון איהם קרי-גען אַ שעהנע נדבה. אויך האָט ער קיינמאָל נישט פערפעהלט צו געבען צדקה ווען מען האָט נאָר ביי איהם געבעטען אויף אַ דבר מצוה, מעהר ווי אַ סך גבירים,

איינמאָל גראָד אום יום כיפור אין אָווענד האָט אַ גרויסער דוכס נישט ווייט פון פראַג געמאַכט אַ גרויסען באַל און צו דעם באַל זענען פערבע-טען געוואָרען אַלע גראַפען און גראַ-פינעס דוכסים און פירשטען מיט זייע-רע פרויען, און עס איז געבראַכט גע-וואָרען אַ גרויסער פידעל-שפּילער, וואָס האָט גע'שמ'ט אין די הויפען פון אַלע פירשטען איבער גאָר דער וועלט. און ווען אַלע זענען שוין געווען פערזאַ-מעלט ביי דעם דוכס אויפ'ן באַל, האָט דער גרויסער קענער אָנגעהויבען שפּי-לען אויף זיין פידעל און אַלע האָבען געזאָגט, אַז אַזוינס איז נאָך נישט גע-הערט געוואָרען. אָבער צווישען די פערזאַמעלטע האָט זיך געפונען אַ דוכס פון די פראַגער דוכסים, וואָס האָט גע-זאָגט, אַז דער גרויסער קענער איז טאַ-קי אַ גרויסער קענער, אָבער צו שמעל-קע קלעזמער קומט ער נישט. און עס איז געוואָרען אָבגעמאַכט, אַז מען זאָל שיקען נאָך שמעלקע קלעזמער. גלייך האָט דער דוכס אַריינגערופען צוויי פון זיינע לאַקייען, געהייסען זיי איינ-שפּאַנען אַ שעהנע קאַרעטע און פאָה-רען ברענגען שמעלקע קלעזמער. דער דוכס פון פראַג האָט זיי מיטגע-געבען אַ בריעף און זיי האָבען זיך אויפגעזעצט אויף דער קאַרעטע און זענען געפאָהרען קיין פראַג ברענגען אונזער ר' שמעלקע.

ווען די קאַרעטע איז פערפאָהרען צו שמעלקע'ס הויז איז ער געווען זעהר מיעד פון פאַסטען און דאַווענען יום-כיפור. זיי האָבען אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר, דערנאָך זענען זיי אַריין אינ-ווייניג, איבערגעבעטען ר' שמעלקען און איהם איבערגעגעבען דאָס קוויטעל פון פראַגער דוכס. איבערגעליינט דאָס קוויטעל, איז איהם אַפילו די זאַך נישט ניחא געווען. נאָר וואָס האָט ער גע-קענט טהון? ער וועט דאָך נישט ברע-כען דעם בעפעהל פון דעם דוכס? האָט ער גלייך אַרומגעוואַשען דאָס פּנים איז נאָכגעגאַנגען די שליחים און זיך אַריינ-געזעצט אין דער קאַרעטע. די פערד זענען געפלויגען ווי די אָדלערס און אין אַ שעה אַרום איז ער שוין געווען ביים דוכס אויפ'ן באַל. דער דוכס פון פראַג און דער דוכס וואָס האָט גע-מאַכט דעם באַל האָבען איהם אָנגע-טהון גרויס כבוד און די ביידע דוכסים האָבען איהם אונטער די הענט אַריינ-געפיהרט אין דעם גרויסען זאַל, וואו עס האָט געשפּילט די גרויסאַרטיגע קאַפּעליע אָנגעפיהרט פון דעם גרויסען קענער. און אונזער ר' שמעלקע האָט גענומען דאָס פידעלע אין דער האַנט אַריין און אָנגעהויבען שפּילען אַזוי, אַז אַלע געסט זענען נישט אויסגע-גאַנגען. פריהער האָט ער געשפּילט אַ מאָראַליש שטיקעל, אַז אַלע געסט האָ-בען אָנגעהויבען גיסען מיט טרערען. דערנאָך ווידער האָט ער געשפּילט אַ לוסטיגע זאַך, האָט עס אַלע געסט גע-הויבען אין דער הויך צום טאַנצען. בקיצור זיין שפּילען האָט אַלעמען בע-גייסטערט און אַפילו דער גרויסער קע-נער האָט זיך אויך נישט געקענט אַפּוואונ-דערען און ער האָט געמוזט מודה זיין, אַז זינט ער לעבט האָט ער נאָך אַזוינס נישט געהערט.

דער דוכס פון פראַג האָט זיך גע-פרעהט, וואָס זיין שמעלקע קלעזמער האָט אַזוי שטאַרק אויסגענומען מיט זיין שפּילען. אויך די איבעריגע פרי-צים האָבען זיך געפרעהט, וואָס זיי האָבען געהערט אַזאַ טייער שפּילען. נאָר איין שמעלקע איז געווען בע-טריבט, וואָרום עפּעס האָט איהם דאָס האַרץ געזאָגט, אַז דער גרויסער קע-נער ליבט איהם נאָר אַזוי לפנים אָבער אין האַרצען ברענט אין איהם אַ שטאַר-קע שנאה.

שפּעטער האָט מען איבערגעריסען דעם באַל, די געסט זענען אַרויס אויפ'ן הויף אַביסעל אָבקיהלען זיך. און אונ-זער ר' שמעלקע איז אויך אַרויסגע-גאַנגען. דאָס האַרץ איז איהם געווען בעטריבט, האָט ער זיך אָנידערגע-שטעלט אין אַ זייט און שטיל פאַר זיך געזאָגט תהלים.

ווייט פון פראַג זענען געווען גרויסע וועלדער, אין וועלכע עס האָט זיך אויפגעהאַלטען אַ באַנדע גזלנים, וואָס מען האָט זיי קיינמאָל נישט געקאָנט פאַקען. בייטאָג פלעגען זיי זיצען אין זייערע היילען, וואָס זענען געווען ווי פּאַלאַצען, און ביינאַכט פלעגען זיי אָנ-פאַלען אויף די דורכפאָהרענדע, זיי טוי-

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

דאָס גרויסע געווינס.

די גרעסטע סענסאַציע פון דער פער-גאַנגענער וואָך איז דאָס וואָס אין אונ-זער שטאָדט איז אַריינגעפאַלען דאָס גרעסטע געווינס, די פיער הונדערט טויזענט זלאָטעס און צווישען אַנדערע האָבען אויך געוואונען 2 יודען, וואָס די פאַר גילדען וועלען זיי שטאַרק צו-נוץ קומען.

די שמחה איז אין לשער, אַלע איב-ריגע שפּילער פערגינען זיי עס מיט'ן גאַנצען האַרצען, כאָטש אין דער שטיל האָט יעדער תרעומות הלמאי איז זיין נומער נישט אַרויס בעת מען האָט אויס-געשריגען דאָס גרויסע געווינס.

דער הייריגער שבת-תשובה איז גע-ווען אַ גליקליכער פאַר אונזער שטאָדט און אויך פאַר די 2 יודען וואָס האָבען געוואונען דאָס גרויסע געווינס.

זיי זעגען געווען טעטיג...

דער הייליגסטער טאָג ביי יודען יום כפור איז שוין אויך אַוועק און ווען איין יוד טרעפט זיך מיט'ן אַנ-דערען דערלאַנגט מען זיך די הענד און מען ווינשט זיך „מאָמיר זיך"... שרייען יודען, נאָר יעדער איינער טראַכט זיך דערביי עפּיס אַנדערש, איינער האָט אין זינען, אַז „מאָמיר" זיך אויסגעבעטען אַ גוט יאָהר, און דער צווייטער מיינט אַז „מאָמיר" זיך אויסגעריכט אַ שווער פּעקיל.

סיי ווי האָבען יודען געדאַווענט, געפאַסט און געבעטען, אַז מען זאָל זיי אין הימעל מוחל זיין די עונות און גלייכצייטיג געבעטען אויף אַ שנת פּרנסה און חיים טובים.

אינדערזעלבער צייט זענען אויך אונזערע יודישע קאָמוניסטען געווען טעטיג, זיי זענען געקומען צו מוסף אין דער שטאָדט-שוהל און האָבען גע-וואָרפען אויפרופען צו די מתפּללים, אַז זיי זאָלען ערקלערען אַ מלחמה דעם קלער.

ביי פיעל מתפּללים האָט זיך גע-שטעלט פאָלגענדע פראַגע: פאַרוואָס טענה'ט די יודישע קאָנסערוואַטיווע „בורזשואַזיע" פון דער שטאָדט-שוהל, וואָרפען נישט די קריסטליכע קאָמו-ניסטען אַריין די זעלבע פּראָקלאַמאַצ-יעס אין דער קאַטוילישער קירכע, צי איז דער קלער ביי די קריסטען נישט אַזוי שעדליך ווי ביי יודען?

אָט אַזוי טענה'ן די יודישע מת-פּללים.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין זענען אונזערע „וועלט-בעפרייער" געווען זעהר טעטיג..

דער יודישער פילם.

אונזער יודיש לשון פּראָגרעסירט און ווען דאָס וואָלט אַמאָל געווען אונ-מעגליך איז עס היינט אַ פאַקט.

די אַמעריקאַנער „יודעא-פילם" האָט אויסגעפּערטיגט אַ יודישען פילם וואו עס ווערט גערעדט אויף יודיש און כאָטש דער סוזשעט איז אַנ'אַלגעמיי-נער אָבער דאָך האָט עס אַ בעדייטונג פאַר אונזער פאָלקס שפּראַך און זאָלען אונזערע שונאים און געגנער סיי פון אויסען און סיי פון אינווענינג זיך אי-בערצייגען, אַז יודיש לשון איז אויך אַ שפּראַך וואָס געהער צום 17 מיליאָ-ניגען פאָלק צוגלייך מיט אַלע אַנדערע שפּראַכען וואָס ווערט גערעדט דורך אַלע אַנדערע פעלקער.

דער דאָזיגער פילם, וועלכער איז דעמאָנסטרירט געוואָרען סך הכל דריי טעג האָט געהאַט אַ געוואַלדיגען ער-פאָלג און ווען ער וואָלט נישט אַראָבגענומען געוואָרען פון עקראַן, וואָלט ער נאָך געהאַט גענוג אָנהענגער.

די דאָזיגע ערשיינונג איז אַ דער-פרעהענדער פאַקט וואָס דאַרף בע-גריסט צו ווערען.

אמת איז אַז צו דעם פילם זענען נישט געקומען די יודישע אַריסטאָק-ראַטיע און פיינשמעקער, וואָס האָבען זיך געשעהמט צו בעווייזען, אַז זיי ווילען הערען „זשאַרגאָן", אָבער אויך אָן זיי איז געווען אַ גרויסער עולם און האָבען שטאַרק אָנגעקוואָלען פון אַ יו-דיש וואָרט וואָס איז געהערט געוואָ-רען דורכ'ן קלאַנג-פילם פון יודישען פילם.

פאַנאָוויע מלמדים, איהר בלייבט... מלמדים.

דער חינוך, ווי ער ווערט געפיהרט היינט אין די חדרים דורך די מלמדים איז ווייט נישט אין אָרדנונג.

אין דער היינטיגער שווערער צייט, ווען מען נעמט זיך אַוועק דעם ביסען פון מויל און מען צאָהלט דעם שכר-לימוד, ווייל מען, אַז דאָס קינד זאָל האָבען תכלית און אַזוי ווי עס זעהט היינט אויס, טויג עס נישט.

האָבען די מעהר בעוואוסטזיניגע מלמדים געגרינדעט אַ פעראיין און לויט דער ווענדונג צו דער קהלה און ראַבינאַט איז געגרינדעט געוואָרען אַ קאָמיטעט, כדי איינצופיהרען אַ שטי-קעל אָרדנונג און סדר, דהיינו: ראשית זאָלען די מלמדים נישט דאַרפען לויפען צו די בעלי-בתים זיך פאַר זיי מבזה מאַכען און זיי חנפ'נען נאָר ווער עס וויל אָנדינגען אַ יונגעל אין חדר זאָל ער אַליין קומען. והשנית זאָלען די תל-מידים ווערען סאָרטירט לויט זייער קענטניש און די געהעריגע כתות, אַזוי אַז ער זאָל לויט זיינע יאָהרען און פעהיגקייטען קענען האָבען דעם געהע-ריגען נוצען פון למוד, והשלישית זאָל דער גאַנצער חנוך און למוד שטעהען אונטער אַ געוויסע קאָנטראָל פון ספּע-ציאַליסטען, כדי אַכטונג צו געבען ווי אַזוי די קינדער ווערען געלערנט, והרביעית — אָבער צו וואָס אויסרעכנען די איבריגע תקנות, ווען פון דעם אַלעם וועט גאָרנישט ווערען.

און שולדיג איז אין דעם עטליכע מלמדים, וואָס האָבען אפשר מורא, אַז ביי אַזאַ סדר, וועט זיך אַרויסווייזען זייער לא-יצלח'קייט און גראָבען אונ-טער דאָס שאַפען פון דאָזיגען קאָמי-טעט.

ווי מען אינפאָרמירט מיך, איז פאַר דער מלחמה געווען אין טשענסטאָכאָוו 61 מלמדים און ביים היינטיגען טאָג זענען נאָר פערהאַן 18. דאָס בעווייזט אַז דאָס אָבגעבען די קינדער אין די חדרים ווערט וואָס אַמאָל שוואַכער און אויב עס וועט זיעגען דער זינלאָ-זער עקשנות פון די עטליכע עקשנים, וועט דאָס ביסעל מלמדים אויך אונ-טערגעהן, וואָרום קיינער פון די בעלי-בתים וועט נישט אַוועקנעמען דאָס בי-סען פון מויל און עס אַוועקגעבען די מלמדים, וואָס לערנען אָהן אַ סיסטעם און אָהן אַ תכלית.

עס איז ריכטיג דאָס שפּריכוואָרט, אַז מלמדים מוזען בלייבען מלמדים...

אַ פרעהליכען יום-טוב.

דעם יום-כפור'דיגען טאָג האָב איך געזעהען ווי יודען זענען געשטאַנען אין די שוהלען און אין די מנינים און הייס געדאַווענט, זיך געפייניגט און מיט הייסע טרעהרען געבעטען אויף בעסערע צייטען.

אין די צוויי שוהלען האָבען געדאַ-ווענט זעהר שעהן די ה"ה פישעל און באַדאַש מיט זייערע כאָרען, וועלכע האָבען זיך געפלייסט וואָס שנעלער און בעסער אָבצוריכטען די תפילות דערפאַר האָבען זיי זיך פערדינט, אַז זיי און אויך דער כלל-ישראל זאָלען האָבען אַ פרעהליכען יום-טוב.

לויתן

טען און בערויבען. אפטמאל פלעגען א טייל פון די גזלנים זיך פארשטעלען פאר קוטשערס און אויף זייערע קוטשען לאקערן אויף קרבנות. דער גרויסער קענער האט אין איינעם פון די קוטשערס וואס זענען דארט געשטאנען דערקענט אזא גזלן, האט ער מיט איהם אבגעמאכט, ער זאל אוועק אין וואלד אריין און דארטען ווארטען. דערנאך האט ער מיט זיינע לייט די מוזיקאנטען אבגעמאכט, אז זיי זאלען כאפען דעם יודישען קלעזמער, איהם ארויפווארפען א זאק איבער'ן קאפ און איהם אוועקטראגען צו דער קוטש וואס וועט אויף! זיי ווארטען אין וואלד. זיינע לייט האבען טאקי אזוי געטהון, און ווי ר' שמעלקע איז אזוי געשטאנען אין א ווינקעל אין הויף און געזאגט פאר זיך שטילערהייט תהילים, איז מען איהם בעפאלען פון הינטען, מען האט איהם פערווארפען א זאק איבער'ן קאפ און מען האט איהם אוועקגעטראגען אין דעם נאהנטען וואלד אריין. דארטען האט מען איהם אריינגעווארפען אין א פערמאכטער קארעטע, און זיי קארעטע איז מיט איהם פייל פון בויגען אוועקגעפאהרען.

2.

וועלען מיר לאזען ר' שמעלקע'ן אין דער קארעטע און זעהען וואס אין הויף פון דוכס האט זיך אבגעטהון.

אז די געסט האבען זיך אומגעקעהרט אין זאל אריין האט מען זיך געכאפט, אז ר' שמעלקע איז נישטא. לכתחילה האט מען געמיינט, אז מסתמא וועט ער באלד אריינקומען. ווען עס איז אבער אוועק א שטיקעל צייט און ר' שמעלקע האט זיך נישט בעוויזען, האט מען ארויסגעשיקט עטליכע לאקייען זיי זאלען איהם זוכען. זענען זיי צוריקגעקומען און געזאגט, אז זיי קענען איהם נישט געפונען איז אין זאל געווארען א גרויסער טומעל און א רעש און מען האט גלייך גענומען א סך רייטער און זיי ארויסגעשיקט איהם צו זוכען. אויף אלע וועגען און שטעגען אבער פון ר' שמעלקען איז קיין שליאד נישט געווען. זענען אלע געסט געווארען שטארק בעטריעבט און מעהר פון אלע די צוויי דוכסים, איבערהויפט האט געטרויערט דער דוכס פון פראג, ווייל ער האט געבראכט ר' שמעלקע'ן צום באל. אויך דער גרויסער קענער האט זיך געמאכט טרויעריג, כדי אויף איהם זאל נישט פאלען קיין חשד.

רופט זיך אב איינער פון די געסט: דאס גרעסטע רחמנות איז אויף זיין ווייב מיט זיינע קינדער, ווארום זיי האבען אין איהם פערלוירען א טאטען און א שפייזער. מיר וועלען נישט רוהען ביז שמעלקע וועט נישט געפונען ווערען, אבער איידער וואס ווען, וועט מען דאך נישט לאזען זיין ווייב און קינדער הונגערן. האט מען גלייך געזאמעלט צעהן טויזענד זילבערנע טאלער און מען האט דאס גלייך אוועקגעשיקט קיין פראג צו שמעלקע'ס ווייב מיט א שטאפעט, וואס האט איהר אויך געדארפט אנזאגען די טרויריגע בשורה. וואס אין שטוב האט זיך אבגעטהון ווען מען האט איהר געבראכט די בשורה קען מען זיך פארשטעלען. די פרוי מיט די קינדער האבען אנגעהויבען וויינען און שרייען. די פרוי האט זיך אויפגעזעצט אויף דער קארעטע, מיט וועלכער דער שטאפעט איז געקומען און איז באלד געפאהרען צום דוכס אין פאלאץ אריין. אריינגעקומען אין זאל איז זי ארומגעלאפען ווי א משוגענע, געוויינט און געשריגען ווי נישט מיט איהר קול. איהר געוויין און געשריי האבען אלעמענס הערצער צוריסען און אפילו דער גרויסער קענער האט אויך שוין חרטה געהאט אויף דער גאנצער זאך, וואס ער האט אבגעטהון.

ר' שמעלקע'ס ווייב האט אזוי לאנג געוויינט ביז צוויי דוכסים האבען איהר צוגעזאגט, אז זיי וועלען נישט רוהען ביז זיי וועלען געפונען איהר מאן און זיי האבען זי געטרייסט און געזאגט, אז זיי זענען זיכער, אז זיי וועלען איהם געפונען און דערנאך האט מען זי אבגעשיקט אהיים.

אויף מארגען האט שוין גאנץ פראג געוואוסט, אז ר' שמעלקע איז פלוצים פערשוואונדען געווארען און די גאנצע שטאדט האט געטרויערט, מחמת אלע האבען דעם טייער'ען קלעזמער ליעב געהאט און דער רב מיט די גרעסטע לייט פון שטאדט זענען געקומען צו ר' שמעלקע'ס ווייב און זי געטרייסט, אז איהר מאן וועט מסתמא קיין האר פון קאפ נישט געקרימט ווערען, ווארום זיינע צדקות און מעשים טובים וועלען איהם זיכער ביישטעהן און מיט גאט'ס הילף וועט ער נאך בשלום אהיימקומען אויף סוכות און זיי וועלען נאך האבען א פרעהליכען יום-טוב.

(סוף קומט).

א וואך פאר'ן געזונד.

אין'ם האגעל פון „וואכען": פאר דער מלחמה אין דער לופט, ים-מלחמה, גאז-מלחמה אד"ג, קומט דער „טאז" מיט זיין „געזונדהייטס - וואך" און פאדערט פון'ם יוד, וואס איז פערשמאכט אין דאגת הפרנסה, זיך צו פערטראכטען איבער'ן געזונד.

וואס איז דער „טאז" אויסען מיט דער „געזונדהייטס-וואך"?

דורך דער געזונדהייטס - וואך וויל דער „טאז" לענקען די אויפמערקזאמקייט אויף דעם טייערסטען אוצר וואס מיר פערמאגען—דאס געזונד. צוויי לאזונגען האט דער „טאז" געווארפען. איינע: ס'איז לייכטער און ביליגער צו היטען דאס געזונד פון צו היילען א קראנקהייט. און די צווייטע: אויב מען וויל היטען דאס אייגענע געזונד מוז מען זארגען אויך פאר'ן געזונד-צושטאנד פון דער סביבה, פון די ברייטערע מאסען, ווייל ס'איז הא בהא תליא, א קראנקע סביבה מוז ווירקען שלעכט אויף דער געזונדער און דעריבער, ווילען מיר זיין געזונד קען פאר אונז נישט גלייכגילטיג זיין דער געזונד-צושטאנד פון די אלע, מיט וועלכע מיר קומען טאג טעגליך אין בעריהרונג, מיט וועלכע מיר טרעפען זיך אפט.

דאס געזונדהייטס - וועזען איז אלזא נישט קיין פראגע פון יחיד נור פון כלל. עס איז א פראבלעם; וואס מיט פערנעהמען דעם אויבענאן פון אונזערע אלע אנדערע דאגות.

די פשוט'ע אבער לאגישע לאזונגען ווערען געקנעלט דורכ'ן „טאז" ביי יעדער געלעגענהייט דורך: רעפעראטען, בראשורען, פלוג-בלעטער אד"ג.

פון צייט צו צייט איז אבער נויטיג א גענעראל-אטאק און דאס איז די „געזונדהייט-וואך".

בעת דער „וואך", וואס איז אדורכגעפיהרט געווארען אין יאהר 1927, האט דער „טאז"-געדאנק אריינגעדרונגען איבעראל, נישט אויסשליסענדיג די ארימסטע יודישע קווארטאלען, וואו די ארבייט איז זעהר בעשווערט, ווייל די סאציאל - עקאנאמישע בעדינגונגען, אין וועלכע ס'געפונען זיך די פעראָרימטע שיכטען ערלויבען זיי נישט צו פערטראכטען זיך איבער דעם סאניטאר-היגיענישען צושטאנד פון זייערע וואוינונגען און איבער'ן אייגענעם געזונד-צושטאנד.

געוויס האט זיך דער „טאז" זיין פאפולאריטעט ערווארבען נישט דורך בלויזער פראפאגאנדע נור דורך פראקטישער ארבייט, דורך שאפען אין שווערע מאטעריעלע בעדינגונגען, אנשטאלטען, מוסטערהאפט איינגעארדענטע, וואו דאס געזונד ווערט געפלעגט. אט די אנשטאלטען, וואו עס בעקומען פראקטישע הילף הונדערטער קינדער און דערוואקסענע, האבען עס פאפולער געמאכט דעם „טאז"-געדאנק.

און דעריבער דארף אויך דאס לעצטע געגעבענע ווערען אין אכט ביים ארגאניזירען די נאהנטסטע „טאז" וואך, וועניגער ווערטער מעהר מעשים.

עס מוזען אנגעשטרענגט ווערען אלע כחות, צו דערהאלטען דאס, וואס איז שוין געשאפען געווארען און פרובען שאפען נייע און צו טהון איז דא פיעל.

אט דאס וועט זיין די לאזונג פון דער „וואך" אין 1931.

אין א זעהר שווערער לאגע געפינט זיך דער „טאז", דען אויב דער טעטיגקייטס - בילאנס פאר די זיבען ארבייטס-יאהר 1925—1931 איז א שעהנער, א רייכער, איז אבער דער פינאנסיעלער א זעהר קריטישער, פשוט באו מים עד נפש, ס'דראהט א סכנה צו מוזען שליסען אדער רעדוצירען ביז א מינימום די „טאז"-ארבייט.

די סבות זענען פאר יעדען קלאר: די הכנסות פון „דזשאינט" ווערען קלענער פון חודש צו חודש און ס'איז נישט אויסגעשלאסען, אז זיי וועלען אנגגאנצען אויפהערען. נישט בעסער איז דער גורל פון די מאגיסטראט און רעגירונגס-סובסידיעס, זיי זענען אזוי קליין דאס זיי שפילען שוין כמעט נישט קיין ראלע אינ'ם „טאז"-בודזשעט.

דער הויפט-דרוק פון דער ארבייט אין „טאז" וועט אלזא דאס מאל געהן אויף דער פינאנסיעלער זייט פון דער אימפרעזע.

יעדער יוד דארף מיטהעלפען דער פערוואלטונג פון „טאז" אין איהר ארבייט.

יעדער דארף זיך פערשרייבען אלס מיטגליד פון דער געזעלשאפט.

II

וועגען דער בעשפייזונגס - אקציע פאר שול-קינדער אין די ווינטער-חדשים.

דער שווערער עקאנאמישער קריזיס צווינגט אונז זיך ערנסט צו פערטראכטען איבער דער נויטווענדיגקייט צו פערברייטערען די מעדיצינישע-היגיענישע אויפזיכט איבער'ן שול-קינד דורך ספעציעלע בעמיהונגען אויף דער דערנעהרונג פון די ארימע שול-קינדער.

ביי דער יעצטיגער לאגע קענען אויף קיין פאל נישט גענוגען די מעדיצינישע אונטערזוכונגען, פרעדיגען היגיענע, זארגען וועגען שערען און באדען א. א. וו. עס מוז אונבעדינגט אנגענומען ווערען מיטלען, אז די קינדער זאלען נישט הונגערן און זאלען קענען אין דער שול בעקומען לכל הפחות א טייל פון דער נויטווענדיגער דערנעהרונג.

געוויס זענען פערהאן גרויסע שוועריגקייטען ביים רעאליזירען דעם פלאן, געוויס וועט אזא אקציע אהן דער מיטהילף פון די זעלבסטפערוואלטונגען נישט קענען אדורכגעפיהרט ווערען. מען טאר אבער נישט ווארטען ביז דער מאגיסטראט וועט זיך אברופען. די איניציאטיוו מוז אויף זיך נעמען די יודישע געזעלשאפט זעלבסט. עס דארפען געשאפען ווערען ספעציעלע בירגערליכע קאמיטעטען, וואס זאלען מיטהעלפען דעם „טאז" די אקציע צו פיהרען אין ברייטען מאסשטאב און דאן וועט לייכט זיין צו בעוועגען אויך דעם מאגיסטראט און די קראנקען-קאסע די אקציע אונטערצושטיצען.

איך צווייפעל נישט דאס די אקציע וועט געפונען א געהעריגען אבקלאנג און וועט אונטערשטיצט ווערען אפילו דורך אויסלענדיש-יודישע ארגאניזאציעס.

י. ר.

פרייע אדער צוואנגס-צעכען?

(דיסקוסיע-ארטיקעל.)

דעם 28 און 29 סעפטעמבער, ערשטער און צווייטער טאג חול - המועד סכות, קומט פאר אין ווארשא דער 3-טער האנדווערקער - קאנגרעס, אויף וועלכען צווישען אנדערע זעהר וויכטיגע פראגען, וועט אויך בעטראכט ווערען די פראגע וועגען פרייע אדער צוואנגס-צעכען.

דער ארט. 160 פון דעם אינדוסטריע-געזעץ לויטעט: פערזאנען, וועלכע פערנעמען זיך זעלבסטשטענדיג מיט מלאכה קענען זיך פעראייניגען אויפ'ן גרונד פון דער פעראָרדנונג אין פרייע צעכען. ד. ה. אין פרייע האנדווערקער-קאאפעראציעס. די יעצטיגע צעכען זענען פריווילעגע ארגאניזאציעס און דאס געהערען צו זיי איז אבהענגיג פון ווילען פון דעם האנדווערקער.

אנדערש שטעלט זיך פאר די פראגע ביי צוואנגס - צעכען, וואס עס וועט בעטראכט ווערען אויפ'ן 3-טען קאנגרעס אין צוזאמענהאנג מיט'ן ענדערן געוויסע פונקטען פון אינדוסטריע-געזעץ.

אלע האנדווערקער, נישט קוקענדיג אויף זייערע קוואליפיקאציעס מוזען געהערען צום צעך, אויב זיי פיהרען אין שטח פון דעם בעטרעפענדען צעך א האנדווערקער-ווארשטאט.

דאס איז א פרינציפיעלע זאך, דען גאנץ אנדערע זענען די אויפגאבען, לויט דעם סטאטוט פון פרייע ווי פון צוואנגס-צעכען, וואס עס האט זיך געלאזט בעמערקען אין די צעכען אין געוויזענעם דייטשען געביעט. צוואנגס-צעכען האבען געמוזט בעגרעניצען זייער טעטיגקייט צו ריין-אדמיניסטראטיווע פראגען און נישט בעשעפטיגען זיך מיט ווירטשאפטליכע פראגען, דען מען קען קיינעם נישט צווינגען צו ווירטשאפטליכע טעטיגקייטען, וועלכע זענען אין ווידערשפרוך אין געוויסע פאלען מיט זיין אינטערעס צ. ב. צוואנג פון פרייז - פערקויף, מאנאפאליזירען פון אויסארבייטונג. דאס ווירטשאפטליכע לעבען קען נישט פערטראגען קיין צוואנג און נאר פריוואטע איניציאטיוו, פעהיגקייט פון פיהרען א געשעפט, ארבייטזאמקייט או"וו קען האבען א ווירקונג אויפ'ן ערפאלג פון געשעפט.

אנדערש איז די פראגע ביי פרייע צעכען. אויב עמיצען געפעלט נישט די טעטיגקייט פון בעטרעפענדען צעך, האט ער דאס רעכט נישט צו געהערען צום צעך, ווייל דאס קען ברענגען שאדען זיין ווירטשאפטליכע עקזיסטענץ.

דאס זענען געווען די הויפט-מאטיווען ביים צוזאמענשטעלען דאס אינדוסטריע-געזעץ און עס האט געזיעגט די מיינונג פון פרייע צעכען.

איך ווייס, דאס מיט מיין מיינונג וועט א גרויסע צאהל האנדווערקער-טהוער נישט זיין איינשטימיג, הויפטזעכליך די יעניגע, וועלכע בעזיצען שוין מייסטער - דיפלאמען און וואלטען געוואלט זעהען אלע בעלי-מלאכות אין די צעכען, נאר זיי פערגעסען, דאס די יעניגע בעלי - מלאכות, וועלכע האבען ביז-יעצט נישט בעלייגט קיין מייסטער-עקזאמען געפונען זיך אין גאנץ אנדערע מאטעריעלע און פאך-בעדינגונגען ווי די דיפלאמירטע און דאריבער וועלען זיי נישט קענען נאכקומען די עווענטועלע בעשלוסען פון די צוואנגס-צעכען, וואס עס וועט ווידער ארויסרופען שטענדיגע רייבונגען און זייענדיג געצוואונגען צו געהערען צום צעך וועלען די יעניגע שטענדיג פיהלען זיך אונצופרידען. אין אינטערעס פון צעך דארף זיין די ווירטשאפטליכע ענטוויקלונג און דאס געזונד מאכען פון דעם פאך און דאס קען געשאפען ווערען נאר אין פרייע צעכען, וועלכע האבען זעהר א ברייטע געזעלשאפטליכע אויפגאבע, פאראויסגעזעהען דורך א ספעציעלען סטאטוט, וואס האט נישט קיין פלאץ לויט'ן סטאטוט פון צוואנגס-צעכען.

מ. קרעמסקי

גלייכווערטלעך פון יודישע גרולים.

וויפיעל איז ווערט פון איהם פטור צו ווערען.

א שטעדטיל האט אמאל געהאט א סכסוך מיט'ן רב. האט מען אראבגעבראכט ר' יצחק יעקב ריינעס ער זאל פסקנ'ען. איז געבליבען, אז שטעדטיל זאל געבען דעם רב א פצוי ער זאל אוועקגיין.

האט זיך אנגעהויבען א דינגעניש. שטעדטיל האט געוואלט געבען הונדערט רובל און דע רב האט נישט אנדערש געוואלט נאר 300 רובל.

האט ר' יצחק יעקב געזאגט:

— דער רב איז גערעכט. גיט איהם דריי הונדערט רובל.

— וואס הייסט, האבען די ראשי קהל געטענה'ט — פארוואס קומט עס איהם דריי הונדערט רובל? הונדערט איז נישט גענוג?

— פערשטעהט איהר מיך — האט ר' יצחק יעקב געשמייכעלט — איהר ווילט דאך איהם געבען געלד ער זאל אוועק פון אייך, מן הסתם ווייס ער ביי זיך אז פטור ווערען פון איהם איז ווערט דריי הונדערט רובל.

ווי הייסט איהר?

מ'דערצעהלט, אז אברהם מאפו האט נאך זיין חתונה זיך גערעכענט פון די גרעסטע לומדים אין קאוונא און אז מ'האט אפילו גערופען רבי אברהם, ווי ס'פאסט פאר א תלמיד-חכם נאכדעם ווי ער איז געווארען א משכיל און א שרייבער, איז ער אמאל אריינגעגאנגען צום גאון ר' ישראל סאלאנטער. אויף ר' ישראל'ס פראגע ווי ער הייסט, האט ער געענטפערט: ר' אברהם מאפו. דערויף האט איהם ר' ישראל מיט א שמייכעל א זאג געטהון:

ביי אונז איז דער מנהג, אז נאכדעם ווי איינער איז מחבר א ספר, הויבט מען איהם אן צו רופען מיט'ן נאמען פון זיין ספר, אזוי למשל: ר' יחזקאל לאנדוי רופט מען „נודע ביהודה". ר' יהונתן אייבעשיץ רופט מען „אורים ותמים" און אזוי איז אויך מיט אייך; איידער איהר זענט געווארען א מחבר האט מען אייך טאקי גערופען ר' אברהם, אבער איצט איז אייער נאמען — „עיט צבוע" (א פאלשער פויגעל).

ס'איז א ליגען.

צו ר' נתן אדלער, לאנדאנער רב הכולל, איז אמאל געקומען א יוד, אבגעזעסען א היבשע ווייל און געהאלטען אין איין רעדען. האט ר' נתן געוואלט עפיס זאגען, איז ער איהם תיכף אריינגעפאלען אין די רייד און ווייטער גערעדט און גערעדט.

צום סוף זאגט דער יוד:

— רבי, כ'וועל אייך דערצעהלען וואס כ'האב געהערט פון יענעם און יענעם רב.

— ס'אליגען — זאגט ר' נתן.

ס'טייטש, רבי — חידושט זיך יענער — איהר האט מיר דאך נאך נישט געהערט וואס כ'וויל אייך דערצעהלען. פונוואנען ווייסט איהר אז ס'איז א ליגען?

— כ'וועל אייך זאגען פונוואנען — מאכט ר' נתן — ווי קענט איהר פון עמיצען עפיס הערען, צו איהר לאזט קיינעם נישט אויסרעדען א ווארט...

וואס בעדייט „גוף"?

דער שאגת אריה האט אמאל געהערט, ווי א מגיד זאגט צוו. אנד. אין א דרשה, אז די ראשי-תיבות פון „גוף" בעדייטען: „גוואלד, וואס פרעסטו?..."

— איהר האט א טעות, ר' מגיד — האט איהם דער שאגת אריה שפעטער געזאגט — „גוף" בעדייט גאר: גוואלד וואס פלוידערסטו?

אויפעסען — און פטור ווערען!

דער בערדיטשעווער צדיק ר' לוי יצחק ז"ל, האט אמאל געפרעגט ביי א ישיבה בחור פון וואנען ער איז זיך מפרנס.

— איך עס טעג — איז געווען זיין ענטפער.

— אויב אזוי האט דער בערדיטשעווער זיך ביי איהם געבעטען — עסזשע שוין אויך אויף די „ניין טעג" און זאל שוין נעהמען אנ'עק און א סוף צו די יודישע צרות און צום לאנגען, ביטערען גלות!...

נישט מיט דער בלויזער האנד.

דער פאריסאווער רבי ר' יעקב צבי, אנ'אייניקעל פונ'ם „יוד הקדוש", האט איינמאל געהייסען רופען צו זיך אלע מלמדים פון שטאדט.

אז זיי זענען געקומען, האט ער ביי זיי געבעטען א טובה:

„אויב איהר וועט דארפען שלאגען אייערע תלמידים, זאלט איהר דאס קיינמאל נישט טהון מיט דער בלויזער האנד, נאר מיט עפיס א זאך; א קאנטשיק, א היטעל, א האנטוך אדער עפיס עהנליכעס".

זיי, די מלמדים, האבען אפילו נישט פערשטאנען דעם רבינ'ס כונה, אבער זיי האבען איהם דאך צוגעזאגט צו פאלגען.

— די הענד האבען זיי שטענדיג ביי זיך — האט דער פאריסאווער געזאגט צו זיינע מקורבים. ווען די מלמדים זענען שוין געווען אוועק — און זיי קאנען זיך מיט זיי בענוצען און שלאגען די תלמידים, ווען עס קומט זיי נאר אן דער כעס, אבער ווען זיי וועלען זיך מוזען בענוצען מיט עפיס א זאך, קאן דאך זעהר לייכט געמאלט זיין, אז זיי זאלען גיך אויף דער מינוט, דאס נישט קענען געפונען, און דערווייל וועט זייער כעס ווערען קלענער און אפשר גאר אינגאנצען אוועקגעהן.

צום האנדווערקער-קאנגרעס.

דעם 28 און 29 ד. ח. קומט פאר אין ווארשא דער 3-טער יודישער האנדווערקער-קאנגרעס. פון גאנץ פוילען וועלען זיך פערזאמלען יודישע האנדווערקער-פארשטעהער אום אויסצוהערען פון דער לייטונג א בעריכט ביז'ן היינטיגען טאג און צואַרבייטען א ליניע אויף דער ווייטערדיגער ארבייט.

אין א זעהר שווערע צייט וועלען זיך די יודישע האנדווערקער-פארשטעהער פערזאמלען. די לאגע איז ממש קאטאסטראפאל. קיין אייגענע קאפיטאלען ווי אויך קיין קרעדיטען אויף רוי-שטאפען זענען נישטא. דאס גלייכען קיין אבזאץ אויף דער פראדוקציע, דערפאר שטייער-חובות איבער'ן קאפ און דאס טרויריגסטע—אינערליכע ארומרייסענישען.

עס דארפען לויט מיין מיינונג קאנצענטרירט ווערען אלע אנשטרענגונגען צו פערבעסערען אונזערע עקאנאמישע פאזיציעס, ווייל ביי דעם גאנצען קריזיס איז דער בעל-מלאכה נישט בעדראהט פון קיין קאנקורענץ, איבערהויפט דער יודישער האנדווערקער, וואס לעבט ליידער אין אזאלכע בעדינגונגען, וואס ערגער קען שוין נישט זיין און קיין שום אינדוסטריע קען זיך נישט אונטערנעהמען מיט איהם צו קאנקורירען. איבערהויפט ווי עס האט זיך לעצטענס ארויסגעוויזען איז ער גאר אומשטאנד צו עקספארטירען זיינע אויסארבייטונגען אין שטארק אינדוסטריעל-ענטוויקעלטע לענדער, וואס עס קען גלייכצייטיג זיין א ברכה פאר'ן גאנצען לאנד.

דער צוזאמענפאהר דארף דעריבער זאגען זיין וויכטיג ווארט, וואס זאל געפונען א שטארקען אבקלאנג אין די מאסגעבענדע ספערען, אזוי אז דאס יודישע ווי דאס נישט-יודישע האנדווערקערטום זאל ברייט געשטיצט ווערען מיט קרעדיטען צוגלייך מיט אנדערע עקאנאמישע גרופען אין לאנד, ווי אגראריער א. ד. גל. אויך זאלען אבגעמעקט ווערען די שטייערען-חובות פון די ארימע האנדווערקער, וועלכע ליגען זיי ווי א ביין אין האלז, ווייל דאס גאנצע האב און גוטס פון טויזענדער יודישע האנדווערקער אין פוילען איז נישט ווערט וואס א טייל פראצענטער פון די פערלעגענע שטייערען בעטרעפט.

עס מוז אויך א סוף געמאכט ווערען צו די אינערליכע ארומרייסענישען. דער יודישער האנדווערקער קען זיך נישט ערלויבען ביים היינטיגען טאג אזא לוקסוס ווי אינערליכע רייבונגען און זאלען מיר זאגען אפען: א גרויסע שולד האבען דאבייט די פאליטישע פארטייען און די אלע האנדווערקער-טהוער וועלכע קענען זיך נישט אויפהויבען העכער איבער די פארטיי - קרעמלעך קענען אין אונזערע רייהען קיין פלאץ נישט האבען.

עס זענען נאך פערהאן רעכטליכע פראגען, וועלכע דארפען געארדענט ווערען, ווי למשל: דאס נאוועליזירען דאס אינדוסטריע-געזעץ און אנדערע, אבער די פראגען זענען מעהר געאייגענט פאר פאכמענער אויף דעם געביעט און איך וויל צו זיי קיין שטעלונג נישט נעהמען.

ביים היינטיגען טאג—לויט מיין איבערצייגונג—אויב דער קאנגרעס וועט מיטווירקען, אן א עקאנאמישער פערבעסערונג פון די יודישע האנדווערקער און ברענגען צו א שלום אין אונזערע רייהען, וועט ער האבען א גרויסע, אפשר די גרעסטע נוצען געברענגט דעם יודישען האנדווערקערטום אין פוילען.

ד. קאניעצפאלער

די פייערליכע ענטהילונג פון דענקמאל פון געוו. פרעזידענט ג. נארוטאוויטש און די פעהנער פאר די לעגיאנערען און פ. א. וו.

שוין שבת, דעם 19 ד. ח. זענען אנגעקומען אין אונזער שטאדט, אין צוזאמענהאנג מיט די אויבען-בעטאנטע פייערונגען דער געוו. פרעמיער פולק. סלאוועק, פרעזעס פון צענטראל-קאמיטעט פון פ. א. וו. גענעראל בעלינא-פראזשמאווסקי, מיניסטער גענ. דר. הוביצקי, מיניסטער דר. קאזלאווסקי און בילדונגס - מיניסטער יענדרזיעוויטש. אויסער די מליכה-פארשטעהער איז געקומען א גאנצע רייהע סיים-דעפוטאטען און אנגעזעהענע פערזענליכקייטען.

די פייערונגען האבען זיך אנגעהויבען זונטאג מיט א נאטעס-דיענסט אויף דער יאסנא[illegible] אין וועלכער עס האבען אנטייל [illegible] אלע אנגעקומענע געסט, [illegible] איז אויף דעם מאגיסטראט פלאץ [illegible]קומען די צערעמאניע פון איבערגעבען די לעגיאניסטען די פעהנער, וואס עס האבען אויסגעפיהרט פולק. סלאוועק, מיניסטער הוביצקי, פרעזעס פון די לעגיאניסטען-פעראיינען דיר. קאבילעצקי, וואס עס האט געהאט א זעהר פייערליכען כאראקטער.

9 א זייגער פריה זענען פארגעקומען הזכרות אין דער שטאדט - שוהל אויך אין דער נייער סינאגאגע מיט'ן אנטייל פון פארשטעהער פון דער מאכט און א גרויסען עולם אנוועזענדע.

דערנאך איז פארגעקומען א דעפילאדע פון ארטיגען מיליטער, מיליטער-ארגאניזאציעס, אינוואלידען, לעגיאנערען-פעראיינען, רעזערוו-אפיצירען, געוועזענע מיליטאריסטען און פיעל אנדערע ארגאניזאציעס. איין גרופע האט געפיהרט דער יודישער אפיציר הויפטמאן פון טשענסטאכאוו, וואס עס האט ביי די יודישע צושויער ארויסגערופען צופרידענהייט.

פון דער דעפילאדע זענען די איינגעלאדענע געסט איבערגעגאנגען אין קאמערזאל-זאל, וואו די ביהנע איז געווען שעהן דעקארירט מיט בלומען און מיט א ביוסט פון מארשאל פילסודסקי און עס איז פארגעקומען א פייערליכע אקאדעמיע.

דער פארזיצער פולק. סלאוועק עפענענדיג די אקאדעמיע, דערמאנט, אז מיט 30 יאהר צוריק איז ער געווען אין טשענסטאכאוו אין נאמען פון מארשאל פילסודסקי, כדי צו ארגאניזירען א ארבייטער - גרופע, וועלכע זאל קעמפען געגען דער רוסישער רעגירונג און צום צווייטען מאל איז ער געווען אין יאהר 1903, ווען ער האט קאנסטאטירט, דאס די גרופע איז געקומען אין פערבינדונג מיט אנדערע עהנליכע גרופען. ער בעטאנט ווייטער, אז טשענסטאכאוו האט גענומען זעהר א אקטיווען אנטייל אין פוילענס בעפרייאונג.

עס האבען נאך גערעדט דער בילדונגס-מיניסטער ה' יענדרזיעוויטש און ארבייטס-מיניסטער ד"ר הוביצקי וועלכע ווייזען אן, אז פוילען געפונט זיך נישט אין דער ערגסטער ווירטשאפטליכער לאגע, אז אין ענגלאנד און דייטשלאנד איז די לאגע פיעל ערגער. די רעגירונג נעמט אן אלע מעגליכקייטען צו לינדערן די ארבייטסלאזיגקייט, ארויסגעבענדיג א גאנצע רייהע פעראָרדנונגען פון רעגולירונג פון ארבייט און מיר גלויבען, אז מיט דער מיטהילף פון דער בעפעלקערונג וועט דער רעגירונג געלונגען צו לינדערן די קריטישע לאגע.

די ענטהילונג פון דענקמאל פון געוועזענעם פרעזידענט ג. נארוטאוויטש איז פארגעקומען 2 א זייגער מיטאג אין דער אנוועזענהייט פון אלע רעגירונגס-פערזענליכקייטען, דער שטאדט-רב ר' נחום אש, פרעזעס פון קהלה-ראט ה' חיים וועקסלער און א זעהר גרויסער עולם, וואס ווערט אבגעשאצט ביז 20 טויז. פערזאן.

דאס ערשטע ווארט האט געהאט דער שטאדט-קאמיסאר ה' מאזור, וועלכער רעדט מיט בעגייסטערונג וועגען די פערדינסטען פון געפאלענעם אלס קרבן 8 טאג נאך זיין אמטירען אלס פרעזידענט.

דערנאך האט גערעדט דער מיניסטער קאזלאווסקי, וועלכער כאראקטעריזירט דעם געוו. פרעזידענט אלס ערשטקלאסיגען געלעהרטען און טיכטיגען מיטארבייטער פון מארשאל פילסודסקי, ענטהילענדיג דעם דענקמאל.

אין נאמען פון דער טשענסטאכאווער בעפעלקערונג דאנקט אדוו. באגאבאוויטש דעם קאמיטעט פאר זיין מיה בעת'ן שאפען דעם דענקמאל.

דעם ערשטען קראנץ האט געלעגט פולק. סלאוועק אין נאמען פון פ. א. וו. דערנאך האבען אלע רעפרעזענטירטע פעראיינען, שולען, געזעלשאפטען, געלעגט בלומען, וואס עס האט געשאפען א אימפאזאנט בילד און מיט דעם האבען זיך די פייערונגען געענדיגט.

מ. ק.

יום-כפור אין די שוהלען.

נישט קוקענדיג דערויף וואס דער יום-כפור'דיגער טאג איז אויסגעפאלען א זוניגער, זענען דאך די שוהלען געווען איבערפולט.

אין דער נייער סינאגאגע

האט הערליך שעהן געדאווענט דער אבערקאנטאר ה' פישעל, וועלכער איז היי-יאהר גאר בעזונדער געווען ביי דער שטימע און אלע תפלות געזאגט מיט עקסטאז און התלהבות, גאר בעזונדער איז היי-יאהר געווען הערליך דער כאר מיט וועלכען עס האט דיריגירט דער אנערקענטער טאלאנטפולער דיריגענט ה' יצחק זאקס.

די מתפללים זענען געווען ענטציקט און האבען דעם קאנטאר מיט'ן דיריגענט הייס געדאנקט.

אין דער שטאדט-שוהל

האבען די מתפללים געהאט א נחת רוח פון דעם כאר וואס איז אנגעפיהרט געווארען דורך דעם טאלאנטפולען דיריגענט ה' פרענקעל.

די שוהל מתפללים האבען אויסגעדריקט זייער בעגעהר אז דער כאר זאל זיין א שטענדיגער און דאס דארף אייגענטליך אונבעדינגט בעשטעטיגט ווערען דורך דער קהלה און מתפללים.

חזן באדאש האט זיך געפיהלט ווי א פיש אין וואסער און האט זיין גאנצע קענטניש אויסגענוצט, איבערהויפט האט ער אוועקגעלייגט מעשים ביי נעילה, וואו ער האט בעוויזען וואס ער קאן.

מארגען שבת וועט זיין א לקוי-לבנה.

מארגען דעם 26-טען סעפטעמבער ד. י. וועט פארקומען א לקוי-לבנה. די לבנה וועט זיין בעדעקט אין גאנצען, ווי עס איז געווען דעם 2. אפריל ד. י. נאר מערקווירדיג וועט זיין דאס, וואס די לבנה וועט זיין אינגאנצען פערפינסטערט 1 שעה מיט 25 מינוט, וואס דאס איז א זעלטענהייט. די זון וועט פערגעהן 17 אזייגער מיט 42 מינוט, די לבנה וועט אויפגעהן 1 מיט 39 מינוט. אנהויב פון לקוי: 5 מיט 54 מינוט. זי וועט זיך צוריק נעמען בעווייזען 10 אזייגער מיט 31 מינוט. סוף פון לקוי: 11 מיט 42 מינוט. — ביז 12 אזייגער ביינאכט וועט מען דעם לקוי זעהען: אין מזרח-זייט פון דרום - אמעריקא, אויפ'ן אטלאנטישען אקעאן, אין צענטראל-אייראפא (פוילען) און אפריקא.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון לינת-הצדק.

מאנטאג דעם 28-טען ד"ח ערשטער טאג חול המועד 5 אזייגער נאכמיטאג קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, אגראדאווא 12, די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער געזעלשאפט לינת-הצדק.

די דאזיגע געזעלשאפט, וועלכע עקזיסטירט שוין אין אונזער שטאדט א רייהע יאהרען צייכענט זיך אויס מיט איהר צוהילף קומען די ארימע יודישע קראנקע, מיט דאקטוירים, רעצעפטען און מכשירים.

אין היינטיגען נומער פון אונזער צייטונג, וועט דער לעזער געפונען א רייכען בעריכט פון דער געזעלשאפט פון איהר טעטיגקייט אין לעצטען יאהר.

עס איז דעריבער דער חוב פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג צו הילף צו קומען דער געזעלשאפט מאטעריעל כדי זי זאל קאנען ערפולען איהר הומאניטארע אויפגאבע לגבי די הונדערטער ארימע קראנקע וואס ווענדען זיך טאג טעגליך נאך מעדעצינישע הילף.

אויב די פערזאמלונג וועט נישט צושטאנד קומען אין ערשטען טערמין וועט זי פארקומען דעמזעלבען טאג 7 אזייגער אווענד ביי יעדע צאהל אנוועזענדע.

שושנה און מאריס לאמפע אין טשענסטאכאו.

אויף דינסטאג דעם צווייטען טאג חול המועד קומען צו אונז זעהר ליבע געסט, נעמליך: די בעוואוסטע ארטיסטען שושנה און דער קינסטלער מאריס לאמפע.

דאס דאזיגע פארל וואס רעכענט זיך אלס די ערשטקלאסיגע כחות אויף דער יודישער ביהנע האט לעצטענס געשפיעלט מיט'ן גרעסטען ערפאלג אין ווילנער פאלקס-טעאטער און די פרעסע האט געווידמעט זעהר ווארימע רעצענזיעס זייערע אויפטריטען.

עס ווערט געשפיעלט דער וועלט-שלאגער „א הארץ וואס בענקט", פיעסע אין 3 אקטען פון א. לעש.

עס איז מעהר ווי זיכער, אז די טשענסטאכאווער טעאטער ליבהאבער וועלען אויסנוצען די געלעגענהייט און מאסענוויז בעזוכען די פארשטעלונג פון די הערליכע קינסטלער מיט זייער אנסאמבל.

„אררט".

עס איז גענוג אדורכצולעזען די 4 אותיות א.ר.ר.ט, אז עס זאל פרעהליך ווערען אויפ'ן הארצען וויסענדיג, אז מען וועט ווידער זעהען די פרעהליכע כאליאסטרע טאנצענדיג און זינגענדיג.

די דאזיגע פרעהליכע חברה קומען צו אונז אויף די צווייטע טאג יום-טוב, אויף שמחת תורה, און זיי וועלען משמח זיין דעם עולם.

זייער פראגראם וועלען מיר געבען אין נעכסטען נומער פון אונזער צייטונג.

דערווייל זאגען מיר אן דעם יודישען טעאטער עולם א גוטע בשורה, דער „אררט" קומט צו אונז אויף יום-טוב !

די ערעפנונג פון „גראנד-קינא"

נאך א גרינדליכען רעמאנט איז ענדליך פערגאנגענעם דינסטאג געעפענט געווארען דאס ערשטקלאסיגע קינא „גראנד" (פריהער קאסינא).

עס ווערט דעמאנסטרירט דאס הערליכע בילד „מאראקא".

ווי מיר ווערען געוואויר בעמיהט זיך די דירעקציע אראבצוברענגען די גרעסטע וועלט-שלאגערס.

נאכ'ן איצטיגען רעמאנט מאכט דאס „גראנד-קינא" מיט איהר אויסערליכען און אינערליכען אויסזעהן דעם איינדרוק פון א ערשטקלאסיג קינא.

די דאזיגע חתימה גאראנטירט,
אז דאס פלאנץ-פעטס „צ ע ר ע ס",
וואס געפינט זיך אין פעקל, ווערט
אויסגעארבייט אונטער א שטרענגער
השגחה פון הרב פרענקעל פון סקאווינא
און עס קאן מיט זיכערקייט אהן שום
חשש געברויכט ווערן צו די יום-טוב-
דיגע מאכלים דורך אלע, וועלכע היטן
אפ כשרות.

צערעס שפייז-פעטס.
אמת'ער נאר מיט'ן אויפשריפט „צערעס".

קליינער פעליעטאן.

אין דער סכה...

איינציגווייז האבען זיי, אונזערע דאזארעס און [illegible]נסים, זיך פערזאמעלט אין דער סכה וואס איז געווען צוזאמענגעשטעלט [illegible] דינע ברעטלעך און פאפירענע [illegible] די אמת'ע דירת עראי כדי צו בעטראכטען די ענינים וואס שטעהן [illegible]'ן טאג-ארדנונג.

דעם פאר[illegible] האט געפיהרט דער אלטער פרעזע[illegible] ביי וועמען דאס גלעקיל האט געצי[illegible]ט אין דער האנד, דערנעבען אי[illegible] געזעסען דער צווייטער פרעזעס. וואס [illegible] ליעבליך געשמייכעלט צום פערזאמעלטען עולם, ארום און ארום זענ[illegible] געזעסען די ניי אויסגעוועהלטע [illegible]זאדט-טאטעס און זיך געשושקעט [illegible]טילערהייט אין די אויערען.

אין דער [illegible] האבען געבלאזען ווינטען פון אלע [illegible]. [illegible]אט בלאזט א ווינט פון דער זרח וואנט און אט קומט אן א ווי[illegible] פון מערב, אזוי אז עס איז געווען א סכנה, אז זי זאל זיך נישט צופ[illegible]ען אויף אלע פיער זייטען...

נאכדעם ווי מען האט געמאכט די ברכה, לישב בסכה, איז מען צוגעטרעטען צום פערטיילען די אושפיזין, און באלד איז אויסגעבראכען א מחלוקה, ווארום יעדער איינער האט געוואלט נעמען די בעסטע אושפיזין, און פון וואנען נעמט מען זיי?

ר'חיים האט בעקומען די ערשטע אושפיזין, רופט זיך אן ר' אהרן, אז לויט יושר קומט זי איהם, ווערט א גערעדעריי, א פלפול, און סוף כל סוף האט נאך א אבשטימונג געזיגט ר' חיים, וועלכער האט אבגעזאגט די ערשטע אושפיזין, נאך א גרעסערע מחלוקה איז ארויסגעקומען ביי די איבריגע אושפיזין, אויף וועלכע עס האבען רעפלעקטירט עטליכע מיט אמאל, און נאך א שקלא וטריא איז בעשלאסען געווארען צו געבען די הויפט אושפיזין ר' שמואל'ן, וועלכער איז שקול כנגד משה ואהרן, ער, ר' שמואל, האט זיך אביסעל געקווענקעלט עס אנצונעמען, נאר נאך לאנגע השתדלות'ן האט מען, עס ביי איהם געפועל'ט, דאן האט מען צוטיילט די איבריגע אושפיזין צו די יעניגע, וועלכע האבען געהאט שכל עס צו נעמען.

שפעטער איז מען צוגעטרעטען צו דעם וויכטיגסטען פונקט, צו דער אכילה - ארבייט, אדער איידער מען האט נאך אנגעהויבען דעם ערשטען ביסען אין מויל ארייגצונעמען, דערהערט זיך א שטארקער קלאפ וואס האט שיעור די שוואכע ווענטלעך צוריסען, עפענט אונז אויף, הערען זיך צענדליגער קולות, לאזט אונז אריין, מיר האבען עפיס צו זאגען.

עס ווערט א רעש, א טומעל, ווער קען דאס קלאפען אזוי שפעט ביי נאכט? און ווער וואגט דאס צו שטערען די געמיטליכע זיצונג פון אונזער קהלה? – מיר אייערע קינדער – הערט זיך א ענטפער – מיר ווילען זיך מיט אייך אויסטענה'ן, און באותו הרגע פראלט זיך אויף די טהיר און אויף דער שוועל בלייבען שטעהן אונזערע אלט-בעקאנטע קהלה-אינסטיטוציעס, אנגעטהון אין צוריסענע מלבושים און מיט בלאסע פנימער, אויסגעדארט, אויסגעקווארט, און אלע זיפצען און קרעכצען און עס ווערט א געמורמעל, אז מען קען טויב ווערען.

עס האט געקאסט גענוג מיה ביז מען האט געקענט ביי זיי פועל'ן, אז יעדער זאל רעדען בעזונדער, און ענדליך האט זיך דאס גערודער איינגעשטילט און עס איז ארויסגעטרעטען מיט לשון אלס ערשטער טוען דאס יודישע שפיטאל: געוואלט געשריגען, וואס וועט דער סוף זיין, הונדערטער חולאים זוכען ביי אונז א רפואה און מיר האבען זיי נישט דאס צו געבען, הארציגע טאטעס, האט רחמנות אויף אונזערע קראנקע קינדער, מיר וועלען דאך אויסגעהן, ענדענדיג די דאזיגע ווערטער, האט זיך פלוצים דערהערט א אונמענשליך געברום פון הונדערטער קראנקע.

דער צווייטער האט גערעדט די היגע מקוה: אויך מיר זענען פערלאזט, מיר האבען די אויפגאבע אבצוהיטען די היגיענע, כדי מענשען זאלען נישט קראנק ווערען און לעצטענס האט מען די שוויץ בטל געמאכט און ווער ווייס וואס ווייטער וועט זיין, דעריבער, דעריבער – ווארט א מינוט, רייסט איבער א געזונטע פויערען שטימע, אין מיר האט מען אינגאנצען פערגעסען, איך וואס בין געווען דאס בן יחיד'ל ביי דער קהלה, מיר האבען געארבייט די פעלדער, געפלאנצט בוימער און שפעטער ווען כ'בין קראנק געווארען און מען האט געמיינט אז איך בין שוין פערביי, האט מען מיך איבערגעבען אנ'אם וואס איז מיט מיר זיך זארגפעלטיג אומגעגאנגען און מיך צוריק דערהאלטען ביים לעבען, וואס קומט אבער ארויס, אז איהר אונזערע טאטעס האט אין מיר אינגאנצען פערגעסען, שוין 9 חדשים וואו איך בין ביי דער אויפזעהערין און איהר האט נישט בעוויליגט דורך דער גאנצער צייט מיך צו בעזוכען, און נאך וועהטאגליכער איז, אז ווען איהר דארפט האבען פון מיין פראדוקציע געהט איהר צו אנדערע, צו פרעמדע קינדער, אין אייערע קינדער ווילט איהר נישט געדענקען.

וועה איז צו דעם קינד, וואס ווערט פון זיין פאטער פערלאזט, האט מיט א יאמערליכע שטימע געקלאגט די גערטנער פערמע – און ווי זענען מיר, האט זיך דערהערט קולות פון די איבריגע קינדער, וואס מען האט דערקאנט אין זייערע שטימען, אז זיי הייסען, זקנים און יתומים הויז, אכראנקעס, האנדווערקער שולע, רעטונגס-קאמיטעט און נאך אנדערע הילפלאזע אינסטיטוציעס, וואס מאטערן זיך אין קאנוואולסיעס און דארפען צו האבען א רפואה שלימה און אלע האבען פלוצלינג אנגעהויבען צו שרייען און זייערע קולות זענען געגאנגען עד לב השמים.

אונזערע דאזארעס זענען געבליבען פערשעהמט און ביי מאנכע האט זיך בעוויזען טרערען אין די אויגען און שטילערהייט האבען זיי געמורמעלט: מיר האבען נישט געוואוסט, מיר האבען זיך נישט פארגעשטעלט, אז אונזערע קינדער זענען אזוי ארים, אזוי פערוואָרלאזט.

די סעודה איז פערשטערט געווארען און עס איז צו האפען, אז נאך דעם דאזיגען בילדעל וועלען אונזערע פאטערס זיך אויפהערען צו קריגען און וועלען מעהר אכטונג געבען אויף זייערע בידנע קינדערלעך נעביך, און זיך מיט זיי מעהר פערנעמען.

סמאל.

וועגן ביאַליק'ס רעפעראַט אין טשענסטאָכאָוו.

דאָנערשטאָג דעם 17 ד. ח. איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַ פערזאַמלונג, גערופען דורכ'ן היגען „תרבות"-סניף אין צוזאַמענהאַנג מיט ביאַליק'ס בעזוך אין טשענסטאָכאָוו. עס האָבען זיך בעטייליגט פערטרעטער פון פערשידענע ווירטשאַפטליכע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס.

עס איז פון די אַנוועזענדע אויסגעוועהלט געוואָרען אַ קבלת-פנים קאָמיטעט, וועלכער איז שוין צוגעטרעטען איינצואָרדנען ווי געהעריג דעם ביאַליק-אָווענד אין אונזער שטאָדט.

דער בעזוך פון גרויסען העברעאישען פאָלקס-דיכטער אין טשענסטאָכאָוו האָט אַרויסגערופען גרויס פעראינטערעסירונג צווישען דער היגער יודישער בעפעלקערונג און עס איז צו האָפען, אַז ער וועט געקרוינט ווערען מיט גרויס ערפאָלג.

היינט פרייטאג 10 אזייגער פריה פאָהרט דער דיכטער ביאַליק אדורך טשענסטאכאוו מיט'ן שנעל-צוג פון קארלסבאד קיין ווארשא, אויף אלע סטאציעס ווערען איהם געמאכט פייערליכע קבלת פנים, אויך ביי אונז ווערט פאָרגעברייט אַ וואָרעמע אויפנאהמע אין דער אויבענדערמאהנטער שעה בעת זיין אדורכפאָהרען אונזער שטאָדט.

פייערליכע ערעפנונג פון אַ ציוניסטישער ביבליאָטעק אויפ'ן נאָמען פון ד"ר טעאָדאָר הערצל.

דערמיט מאכען מיר בעקאַנט, אַז זונטאַג (דעם 27 סעפטעמבער) אין אָווענד, מוצאי יום-טוב, וועט פאָרקומען אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פילסודסקי 13, אַ פייערליכע ערעפנונג פון דער ציוניסטישער ביבליאָטעק אויפ'ן נאָמען פון גרויסען ציוניסטישען מנהיג ד"ר טעאָדאָר הערצל ז"ל.

מיט דער ביבליאָטעק וועט אָנפיהרען די יוגענד-אָרגאַניזאַציע „הרצליה" וועלכע האט אויסגעוועהלט אַ וועד מיט אַ פאָרשטעהער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מיט ד"ר הירשבערג בראש.

מיר האָפען אַז די היגע יודישע בעפעלקערונג וואָס רופט זיך שטענדיג אָב אויף אונזערע נאַציאָנאַלע טעטיגקייטען, וועט האָבען די געהעריגע פערשטענדניס פאר דער דאָזיגער וויכטיגער אונטערנעהמונג, וועלכע זי וועט וועט וואַרעם אונטערשטיצען, כדי זי זאָל קענען אויספיהרען איהר נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אויפגאַבע.

די גרינז ער.

הערבסט פערד-גע‌יעגען פון 7 פ.אָ.פ. אין זאַטשיש.

די היי-יעהריגע פערד-געיעגען אין זאַציש זאָגען צו צו זיין העכסט אינטערעסאַנט, עס וועלען זיך בעטייליגען: 2 אַרטילעריע-פּאָלקען, 1 פּאָלק קאַוואַלעריע און 1 פּאָלק פּיעכאָטע און אַנדערע.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכען אַז עס נעהמען דאָס מאָל אַנטייל די גלענצענדסטע קרעפטען פון דאָזיגען געביעט און דאָס פערדינט אָהן ספק דעם גרעסטען ערפאָלג.

סטאַניעווסקי-צירק איז טשענסטאָכאָוו.

קיין טשענסטאָכאָוו איז געקומען אויף 4 טאָג דער גרעסטער בעקאַנטער סטאַניעווסקי-צירק. די פייערליכע ערעפנונג פון צירק קומט פאָר היינט פרייטאג, אזייגער 8-20 אָווענד, אויף דער יאסנא גאס, עק שלאָנסקא.

גרויסער אימפּאָנירענדער פּראָגראַם פון 20 אַטראַקציעס פון וועלט-בעריהמטע כחות, 3 שעה פון אונגעהויערער שפּאַנונג און עמאָציעס: דרעסירט ים-לייבען, 60 אַראַבישע פערד, 150 אַרטיסטען, 300 עקזאָטישע חיות. עס שפּילען צוויי בעסטע אָרקעסט. דער צירק איז בעלויכטען דורך 2000 לעמפּ און רעפלעקטאָרען.

ביים צירק איז די מענאַזשעריע אָפען פון 10 אזייגער פריה ביז 7 אָווענד. שבת און זונטאַג 2 פאָרשטעלונגען: פון 4 נ"מ און 8-20 אָוו.

אָווענד-קורסען פאר בוכהאַלטעריע אין טשענסטאָכאָוו.

אין אונזער שטאָדט עקזיסטירען שוין אַ לענגערע צייט בוכהאַלטעריע-אָווענד קורסען, אונטער דער לייטונג פון די ה"ה: קאמ. אינזש. ה. שפּיץ און אבס. פון וו. ס. ה. י. מאַרקאָוויטש, וועלכע דאַרפען צו לענקען די אויפמערקזאַמקייט פון די היגע סוחרישע קרייזען. די לייטונג פון די דאָזיגע קורסען האָט איינגעפיהרט די נייעסטע ביכהאַלטעריע-מעטאָדען, וועלכע ערמעגליכען אין אַ קורצער צייט צו ערווערבען זיך די בוכהאַלטעריע, ווי אויך אַלע פערפליכטענדע יורידישע, אַדמיניסטראַטיווע און שטייערן - פאָרשריפטען — ד"ה די נויטיגסטע ידיעות פאר דעם פאָרטגעשריטענעם סוחר.

אַכטונג, עלטערן!

זונטאַג, דעם 2-טען טאָג סכות דעם 27 ד. ח. 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַנ'עלטערן - פערזאַמלונג פון די שילער אין היגען יודישען גימנאַזיום.

מען בעט אַלע עלטערן, וואָס וועלען בעזונדער גערופען ווערען — זיך פונקטליך צו שטעלען. דער צוועק איז זעהר אַ וויכטיגער.

דאָס קרייז - געריכט בלייבט אין טשענסטאָכאָוו.

ווי מיר האָבען שוין געמאָלדען האָבען זיך פערשפרייט קלאַנגען, אַז די רעגירונג פּראָיעקטירט צוריק צו בעזייטיגען פון אונזער שטאָדט דאָס קרייזגעריכט. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז זאָגאַר פאָרגעקומען אַ זיצונג פון די היגע אַדוואָקאַטען.

איצט ווערען מיר געוואויר, אַז די ידיעה איז גרונדלאָז און, אַז די רעגירונג האָט נישט בדעה איינצופיהרען אין דער הינזיכט קיין שום ענדערונגען.

פון תומכי עניים.

די הילפס-אַקציע פאַר די. אָרימע, וואָס ר' עמנואל'קע ווייצמאַן צוזאַמען מיט זייערע געהילפען זאַמלען, האָט אַ גרויסע און וויכטיגע בעדייטונג.

עס איז גענוג צו זיין אַנוועזענד ביי דער פערטיילונג פון די פּראָדוקטען און מען וועט זיך איבערצייגען, אַז די דאָזיגע יודען לייסטען זעהר פיעל מיט זייער אַרבייט.

דעריבער איז טאַקי אַ חוב, אַז די בעלי בתים זאָלען דער דאָזיגער חברה צוהילף קומען און זיי אָקעגען טראָגען די חלה אָדער אַנדערע פּראָדוקטען בסבר פנים יפות, אויך דאַרף מען נישט וואַרטען ביז זיי וועלען אַרויפקומען אויפ'ן צווייטען אָדער דריטען שטאָק, נאָר אַזוי ווי מען הערט שרייען „גוט שבת יודעלעך", דאַרף מען אַראָבטראָגען אויפ'ן הויף די פּראָדוקטען און אויך צו וויסען טהון די שכנים, אַז די „גוט שבת יודעלעך" זענען פערהאַנען און זיי געבען די נתונות.

אין אַזאַ שווערער קריטישער צייט, ווען טויזענדער יודישע פאַמיליעס הונגערן, קיין ביליגע קוכען זענען נישטאָ, איז אונזער הייליגער חוב זיי אונטערצושטיצען מיט וואָס מען קען נאָר און אויב צו דעם האָבען זיך גענומען עטליכע יודען וואָס זענען דער זאַך איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען, מוז מען זיי צוהילף קומען.

אַ וואוינונג

פון 1 צימער מיט אַ קוך

מיט אַלע בעקוועהמליכקייטען

אויף דאָמבראָווסקי גאָס

שוין איבערצוגעבען.

ערקינדיגען זיך אין רעד.

לעצטע התראה.

היות ווי ה' פרידריך הייל מיר נישט אָבגעבען די 1000 זל. וואָס איך האָב איהם געגעבען האָב איך גערופען אַ בוררות, וועלכער איז נישט צושטאַנד געקומען, אויך האָט נישט געהאָלפען די רעיענטאַלע אויפפאָדערונג, לכן מאַך איך עפענטליך די לעצטע התראה, אז אויב אין משך פון 5 טאָג וועל איך נישט צוריקבעקומען מיינע 1000 זל. וועל איך אַרויסטרעטען געריכטליך און פאר די קאָנסעקווענצען וועל איך נישט זיין פעראַנטוואָרטליך

יצחק חנוק.

Szkoła Koedukacyjna i przedszkole
z prawami szkół państwowych
Zofji Wajnsztokówny

KURSY JĘZYKOWE Wieczorowe
Leona Wajnsztoka

w Częstochowie, ul. Piłsudskiego 13

EGZAMINY WSTĘPNE TRWAJĄ.
Do przedszkola przyjmuje się dzieci od lat 3.
Dla niezamożnych ulgi w opłacie

POLSKI, ANGIELSKI FRANCUSKI, NIEMIECKI, oraz KOMPLETY DOKSZTAŁCAJĄCE.
Dla opóźn. lekcje dodatkowe.

Zapisy i informacje w kancelarji od 10 do 12 i od 15 do 17.

בעריכט פון דער געזעלש. „לינת הצדק"

פאר'ן יאָהר 1930.

פערוואַלטונג: פּרעזעס — אַ. האַמבורגער, וויצע-פּרעזעסען: ד"ר י. ליפּינסקי און י. זילבערשטיין, קאַסירער — ב. זשעריקער, סעקרעטאַר — אַ. מיענטקעוויטש, מיטגלידער: מ. סודאָוויטש, י. מ. קרעל, אַ. יורקעוויטש, אַ. פּאָזניאַק, אַ. קאָנגרעצקי, י. בעם, און י. גרילאַק.

מעדיצינישע הילף האָבען ערטיילט:

אומזיסט: ד"ר גייזלער — 226, ד"ר ליפּינסקי — 195, ד"ר באַטאָוויאַ — 124, ד"ר גאָלדמאַן — 110, ד"ר סטעפּאַן קאָן — 65, ד"ר וואַצלאַוו קאָנאַר (אַנאַליזעס) — 35.

פאַר אַ מינימאַלען האָנאָראַריום: ד"ר קאָגאַן — 463, ד"ר גוטמאַן — 244, ד"ר לעהקאָוויטש — 160, ד"ר פרענקענבערג — 147, ד"ר קיאַק — 71, ד"ר וואָלבערג — 62, ד"ר בראָניאַטאָווסקי — 48, פּרל. ד"ר מ. קאָן — 38, פעלדשער פישמאַן — 32, ד"ר רוס — 10, ד"ר עפּשטיין (אַנאַליז) — 1.

בס"ה האָבען בעקומען מעדיצינישע הילף דורך דאָקטוירים 2031 פּערזאָן. די אַלע איז אויך אַרויסגעגעבען געוואָרען אומזיסטע רעצעפּטען.

אויסער דעם זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך פּריוואַטע אַפּטייקען אויפ'ן חשבון פון „לינת הצדק" 692 רעצעפּטען פאַר קראַנקע, וואָס האָבען זיך געוואָנדען פּריוואַט צו דאָקטוירים.

די געזעלשאַפט האָט אין לויפענדען בעריכטס-יאָהר אַרויסגעהאָלפען אָרימע קראַנקע, וואָס זענען געפאָהרען אין פערשידענע קור-ערטער. פון דער הילף האָבען געניאָסען 21 פּערזאָן. אויסער דעם האָט דער „לינת הצדק" אונטערשטיצט מאַטעריעל די בעשפּייזונגס-אַקציע פאַר שווינדזיכטיגע, וואָס ווערט געפיהרט דורכ'ן „טאָז."

רופּטור-פּאַסקעס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען 52 פּערזאָן.

מכשירים, ווי: וואַנעס, גומי קישקעס, באַסענער, פּענכערזשעס און אַנדערע זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען 918 פּערזאָן.

די פּערוואַלטונג האַלט פאַר איהר חוב צו דאַנקען די ה"ה דאָקטוירים פאַר זייער אומזיסטע הילף לטובת די אָרימע קראַנקע.

קאַסע - בעריכט

הכנסות:		הוצאות:	
מזומן דעם 1/1.30	— 271 75	מכשירים —	— 61 00
מיטגלידס - בייטראַג	— 3400 98	דאָקטוירים פאַר מעד. הילף	— 1822 50
נדבות — —	— 1121 11	רעצעפּטען: אין אַמבולאַטאָריום און פּריוו. אַפּטייקען	— 4973 34
אָבצאָהל פון די קראַנקע	— 1006 59	אויף בעשפּייזונג און הילף צו פאָהרען אין קור-ערטער	— 637 50
סובסידיעס פון דער יוד. קהלה	— 4041 65	אַדמיניסטראַציע קאָסטען (פּערסאָנאַל ביוראָ-אויסגאָבען און לאָקאַל)	1730 25
„ מאַגיסטראַט	— 600 00	אינקאַסע-קאָסטען פון מיטגלידס-בייטראַג —	— 733 76
		אינקאַסע-קאָסטען פון נדבות —	— 187 45
		חזרת-הלואה —	— 242 48
		מזומן אין קאַסע 31/12-30	— 53 80
	10.442 08		10.442 08

בודזשעט אויפ'ן יאָהר 1931.

הכנסה:		הוצאות:	
מיטגלידס-בייטראַג	— — 3400	דאָקטוירים פאַר מעד. הילף	— — 1800
נדבות —	— — 1000	רעצעפּטען —	— — 4400
אָבצאָהל פון קראַנקע	— — 1000	מכשירים —	— — 100
סובסידיעס פון דער יוד. קהלה	— — 3000	שטיצע אין מזומן —	— — 400
„ מאַגיסטראַט	— — 400	אַדמיניסטראַציע קאָסטען	— — 1200
		פּראָוויזע קאָסטען —	— — 900
	— 8800		— 8800

בעריכט פון דער רעווידיר - קאָמיסיע.

די רעווידיר - קאָמיסיע האָט קאָנטראָלירט דעם בעוויז - מאַטעריאַל און די ביכער פון „לינת הצדק" פאַר'ן בעריכטס-יאָהר 1930 און געפונען אַלץ אין אָרדנונג.

טשענסטאָכאָוו, 27 אויגוסט 1921.

(—) ה. מייטליס, ש. געווירצמאַן, מ. ראָזענצווייג.

MAROKKO

היינט פרייטאָג, מאָרגען שבת און זונטאַג צום לעצטען מאָל דער פילם פון פּאַראַמאָונט-פּראָדוקציע

מיט די אַלגעמיינע ליבלינגען:

מאַרלענאַ דיטריך, גאַרי קופּער, אַדאָלף מענזשו.

די גאַנצע אויספיהרונג אויף די אַפּאַראַטען ווערסטערן עלעקטריק.

איבער'ן פּראָגראַם:
וועלטליכער קלאַנג-איבערזיכט. פּאַראַמאָונט-וואָך. פליישערס צייכנונג-אויסגאַבע און „פּוילישע לויפענדע מינוט".

WALC MIŁOŚCI

היינט און ווייטערע טעג — סענסאַציע!
1-ע אייראָפּעאישע פילם-אָפּערעטע מיט'ן אַנטייל פון די לאַנג נישט - געזעהענע ליבלינג

ליליאַן הארוועי און ווילי פריטש.

הערליכע אָפּערעטע, בעזינגענדע די ליבע פון אַ רייצענדער קעניגין צו אַ אויטאָ-פאַבריקאַנט.

איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנג - איבערזיכט. פּאַראַמאונט - וואָך. פליישער'ס צייכנונגס - צוגאַבע „דער חלום פון אַ ווינטער-נאַכט".

היינט און ווייטערע טעג דער לעצטער פילם מיט לאַן שאַנעי.

GDY WSCHÓD JEST WSCHODEM

אין די הויפּט-ראָלען:

לאָן שאַנעי, ע. טיילאָר, לופּאַ וועלעז.

איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאַבען און פּאַקס-קלאַנג-וואָך. איינצעלהייטען אין די אַפישען.

„Grand-Kino"

קאָשטשושקי גאַס.

לעצטער סעאַנס 9.30 אָוו.

געוועהנליכע פּרייזען:
קרוזעלאַ 1 זל. און 1.20
באַלקאָן 1 זל.
לאָזשע 1.50 און 2 זל.

Teatr „ODEON"

אַלעע 27.

לעצטער סעאַנס 10 אָווענד.

אויפ'ן 1 סעאַנס קרוזעלאַ 1 זל.

ערשטער מוסטערהאַפטער קלאַנג-קינאָ

Nowości

אַלעע 12

לעצטער סעאַנס 9-30 אָווענד.

היינט און ווייטערע טעג.

לעבעדיגע פיש

געפּאַשעטע אַלע סאָרטען צו די ביליגסטע פּרייזען

א. גאַבאַרסקי, קאָשטשושקי 37.

פיש

אין דעם ניי - געעפענטען פרוכטען-געשעפט א. ד. פ.

„JABŁORYB"

1 אַלעע 12 (פּראַנט-געוועלב)
בעקומט מען יעדען טאָג אַלערליי פיש

מעלדונג.

אַלע האַנדווערקער וואָס האָבען בעקומען איינלאַדונגען צו קומען נאָך קיעלץ אויף דער זיצונג פון דער „קאָמיסיע אַדוואָלאָוטשע", וועלכע דאַרף בעטראַכטען זייערע רעקורסען און האָבען נישט די מעגליכקייט צו פאָהרען, דאַרפען זיך מעלדען אין סעקרעטאַריאַט.

צענטר. יודישער האַנדווערקער-פערבאַנד.

נדבות אין רעסטאָראַנען.